בס"ד | מגזין חסידי ברסלב #5 | יוצא לאור לקראת חג הפסח תשפ"ד

# האויר הנח והזך

אינאיינעם באפעסטיגן די לויטערע לופט



## דראמא
## ביים רבי'נס ציון

אן אויפטרייסלענדע פאסירונג וואס
וועט אייך איבערלאזן באאיינדרוקט
אויף א גאנץ לעבן



## ויזעק שמואל אל ה'

שפאנענד>>

די געגועים צו ר' שמואל שפירא - א ספעציעלע
אינטערוויו מיט זיינע זין 35 יאר שפעטער, באגלייט
מיט ערשטמאליגע אויפדעקונגען, ספעציעל לכבוד די
יארצייט - שביעי של פסח.

אנטיק
א היסטארישע
טעלעגראם
און היסטארישע
בילדער

# בתוכן העניינים

בסייעתא דשמיא

## 04 / א דראמא ביים רבי'נס ציון

אנגעפאנגען פונעם הינטערגרונד, די דראמא, דער הויכפונקט, די קלארקייט און די מסקנה. א רירנדע ערציילונג איבער **א ברסלב'ער ליטעראר יונגערמאן וואס האט אויסגעגאסן זיין הארץ ביים ציון שטייגנדיג העכער און העכער אין תשובה**, אבער פלוצלינג האט ער עפעס געזען און איז געפאלן אלס קרבן - א מעשה וואס וועט דיר טיף באאיינדרוקן אויף דיין גאנצע לעבן. | דורך נ קלאפהאלץ.

## 16 / געגועים

**די געגועים פון ר' שמואל שפירא:** 53 יאר שפעטער אנטפלעקן זיינע קינדער שליט"א אין א ספעציעלע אינטערוויו פאר 'ריינע און לויטערע לופט' צו די יארצייט כ"א ניסן תשמ"ט - תשפ"ד, אן אינטערוויו באגלייט מיט ערשטמאליגע אויפדעקונגען אויף זייער באריכטן טאטן, איבער דער געפענגעניש אין ירדן, 83 יאר פון תפילה צו זוכה זיין ארויפצוגיין צום הייליגן ציון. די פילע מי און יגיעה צו זוכה זיין צו ביידע איינצעלנע רייזעס צום הייליגן ציון אין אומאן, די פרייד וואס האט געשפאלטן הימלען און איז ארויסגעקומען פון ראד שטול ראש השנה ביינאכט גראד צו די שטורמישע טענץ מיט די זקני אנ"ש, ווען ער האט מחמיר געווען און ווען ער האט מקיל געווען אום פסח, זיינע הנהגות ביי חינוך הבנים, און נאך... | דורך אהרן אייזנבאך.

## 14 / א הארץ רייסנדע בריוו:

**א שאלה צו זוכן:** - מען הערט די שאלה, מען גייט ארויס זוכן און מברר זיין אין די מקורות, מען ענטפערט און מען געניסט - ערשטמאליג: מיר לאזן זיך ארויס אין א ספעציעלע פראגראם, באגלייט מיט גורלות צו געווינען געלט אין קעש! | דורך יאיר לעדערמאן.

© **כל הזכויות שמורות** ס'איז פארבאטן צו קאפירן בילדער און בריוון אן ערלויבעניש פונעם מערכת.

**ארויסגעגעבן דורך**
**ארגון האוויר הנח והזך**

**זיך צו פארבינדן רופט:**
972.733.638.627
און לאזט א מעלדונג אינעם ליין פונעם מערכת.

**קרעדיט פאר די היסטארישע בילדער:**

די ארכיאן פון ר' לייבל בערגער, אהרן בערגער, גנזי ברסלב.

**הויפט רעדאקטאר:**
נחמן צבי

**גראפיקס און עימוד:**
אקסטזה
s0534107456@gmail.com

ווי שוין ברייט באקאנט איבער די פעולות הקדושות פון ארגון 'האויר הנחו והזך' וואס טוהט א שליחות קודש, צו אויפמערקזאם מאכן דעם הייליגן ציבור, איבער דאס אויפפירונג ביים הייליגן רבי'נס ציון קודש הקדשים אין אומאן.

פאלגענד איז א רייכע בראשור וועלכע איז לויטן פארלאנג פון ציבור אנשי שלומינו בעיקר פון חוץ לארץ, איבערטייטשט געווארן פונעם רייכן בראשור אין לה"ק, וועלכע איז ערשיינען פארגאנגענע ער"ח ניסן אין ליכט פון התקבצות פון אנשי שלומינו ביים הייליגן רבי'נס ציון, און איז פארשפרייט געווארן בכל תפוצות אנ"ש אין אומאן און אין ארץ ישראל.

אצינד לכבוד הייליגן יו"ט פסח, איז דאס אהער געשטעלט געווארן אויפן אידישן שפראך פארן ציבור אנשי שלומינו אין חוץ לארץ, און עס איז צום האפן אז עס וועט אויפטוהן דאס ריכטיגע, און אין זכות פון הייליגן רבי'ן הננמ"ח זיעועכי"א וועלן מיר אלע זיך באנייען און ארויסגיין פון אונזערע אלע מיצרים, און אריינגיין בשערי הקדושה. אמן.

א פריילאכן פסח

# דראמא

## ביים רבי'נס ציון




**דורך:** נ. קלפהולץ | **בארבעט:** יהודה טל


אנגעפאנגען פונעם
הינטערגרונט, די דראמא,
דער הויכפונקט, די
קלארקייט און די מסקנה.
א רירנדע ערציילונג איבער
א ברסלב'ער לויטערער
יונגערמאן וואס האט
אויסגעגאסן זיין הארץ ביים
ציון שטייגנדיג העכער און
העכער אין תשובה, אבער
פלוצלינג האט ער עפעס
געזען און איז געפאלן אלס
קרבן...
א מעשה וואס
וועט דיר טיף
באאיינדרוקן אויף
דיין גאנצע לעבן.




# אריינפיר:

ער האט עס פראבירט ערקלערן, אילוסטרירן, באשטימען א קביעות, אבער ער זעלבסט האט עס נישט באוויזן... 'נישטא קיין ווערטער', און אפשר איז דאס די ריכטיגע אויסדריק.

ער האט פראבירט היטן אויף ערנסטע געזיכט שטריכן, צייגן א געשטאלט פון א פאקטישער און פראקטישער פארבינדונגס מאן, אבער ער האט ווידער נישט באוויזן צו היטן אויף די איבערגענומענקייט וואס האט ארויסגעשפראצט פון הינטער דעם ערנסטן מאסקע, אים איבערלאזנדיג נאכאמאל אן קיין ווערטער קעגן דעם דערהויבענעם מראה.

# דאס אנגעפאנג

אלעס האט זיך אנגעפאנגען ביי ר' נתן – אן ערנסטער יונגערמאן וואס איז געבוירן געווארן אין א קלאסישע ברסלב'ער שטוב – ווערענס כיסופים זענען איבערגערונען די גרעניצן, און ער האט זייער געגלוסט זיך צו באוויזן פארן רבי'ן ביום גנוסיא דמלכא וואס איז ר"ח ניסן. וועלנדיג אויספירן זיין ווילן, האט ער זיך געוואנדן צום פלי אגענט, באשטעלט א טיקעט און דרייוער אין אייראפע וואס זאל אים נעמען צום הייליגן שטאט אומאן – די אויסגעבענקטע שטאט פון סיי ווער עס פאררופט זיך מיטן נאמען 'ברסלב', דער ארט וואס איז געאייגנט צו מתקן זיין אידישע נשמות שוין זינט ששת ימי בראשית.

די הכנות, רצונות, און כיסופין זענען אויך אריינגערכנט געווארן אין די צוגרייטונגען צו די הייליגע רייזע.

טראץ דעם אויסמאטערנדן וועג, די נאכאנאנדיגע אויספארשונגען, דאס פליען און די לאנגע שעות אויף די וועגן, איז אויך דאס ענדליך דורך. דער אויסגעבענקטער ארט - אומאן האט זיך שוין געזען דורך די פענסטער פונעם אקריינישן מאשין וואס האט אויסגעשאקלט זיינע ביינער שוין לאנגע שעות אויף די אומאויסגעפלאסטערטע שאסייען. האט זיך אונזער ר' נתן איינגעארדנט אין זיין אכסניא און ווי אן ערנסטער יונגערמאן, האט ער אנגעהויבן פלאנירן פונדערנאנט זיין סדר היום אז עס זאל זיין אנגעפולט מיט נצחיות, אויסגענוצט יעדע מינוט מיטן גן עדן עלי אדמות וואס איז אים יעצט געגעבן געווארן אויף געציילטע טעג צווישן גאולה און גאולה...

# דער געשיכטע

**אין א שפעטע נאכט שעה.**

האלטנדיג אונטערן ארעם דעם טלית און תפילין, האט ר' נתן פאראהאקט די טיר פון אכסניא הינטער זיך, און מיט שטילע טריט האט ער געשפאנט אין די פינסטערע געסלעך פונעם אידישן קווארטל אין אומאן צום ריכטונג פון די 'מקוה' - "מה מקוה מטהר את הטמאים", כדי זיך

אויסצולייטערן און זוכה זיין צו טהרת הלב והנשמה. און פון דארט וועט ער זיך אריבערכאפן צום 'נהר המיטהר ציון המצויינת' – דער 'קודש הקדשים', וואו מען גייט אריין נאר נאך א טבילה אין מקוה ווי עס איז איינגעפירט ביי די אנ"ש.

מיט נאסע פיאות האט ער זיך אפגעשטעלט א טריט פריער פונעם ציון. ער האט זיך אפגעשטעלט א סעקונדע, און אריינגעטראכט 'מה נורא המקום הזה', ער איז זוכה אריינצוגיין לפני ולפנים, א מקום אש שלהבת... וויפיל הרהורי תשובה, וויפיל איבערקערענישן, וויפיל טויזנטער מענטשן זענען מקושר מיט א פלאם פייערדיגע ליבשאפט צו די דאזיגע הייליגע ד' אמות...

**צוביסלעך האט ער זיך דערנענטערט לפני ולפנים צום קודש הקדשים, וויסנדיג אז הינטערן שטיינערנעם מציבה ווילט דער רבי, דער רחמנות'דיגער מנהיג, און פון דארט הערט ער און איז משפיע אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות פאר ווער עס בעט נאר.**



די ווייזערס פונעם זייגער דערנענטערן זיך שוין פון חצות הלילה צו אשמורת הבוקר. אנגעטון מיטן גארטל עפנט ר' נתן זיין מויל זאגנדיג 'תיקון הכללי' און פאנגט אן אויסצוגיסן זיין הארץ מיט די צען קאפיטלעך וואס דער רבי האט אראפגעברענגט פון די אויבערשטע וועלטן מיט מסירות נפש, עס אנטפלעקנדיג פאר אונז אז עס זאל אונז זיין גוט.

די בענק פונעם ציון זענען אנגעפאקט מיט מענטשן פון אלע סארטן און קרייזן, יעדער לויט זיין פארשטאנד און חינוך פולט אן זיין צייט לויט זיינע סדרים, אויסנוצנדיג יעדע מינוט פון דאס פארווייל אינעם הייליגן ארט; דער מיטן זאגן תהילים, דער מיטן איבער'חזר'ן די 'תורה הזמנית', דער מיטן זיך פארטיפן אין דעם צדיק'ס תורות, און יענער מיט התבודות. דער זיצט און יענער שטייט, דער איז זיך מעורר מיט א התעוררות ניגון, און יענער איז פארטראכט מיט א חשבון הנפש, כולם עושים באימה ביראה ובאהבה רצון קונם.

פון ר' נתן'ס מויל הערן זיך די ווערטער "כי כל ימינו פנו..." מיט השתפכות. די ווארעמע און הייליגע אטמאספער אין היכל הציון געבן אויך צו גרויס התעוררות פארן דעם ערנסטער יונגערמאן, ער האלט שוין ביים הויכפונקט פונעם קאפיטל ווען זיין שטימע שטיקט זיך פון געוויין, דערהייבט זיך העכער און העכער אן צו שפירן. יא, די שטימע איז מעורר די כוונה און אויך פארקערט: די כוונה ערוועקט די שטימע, איבערהויפט אין אט דעם מסוגל'דיגן ארט, וואו אויך אזעלכע וואס זענען נישט משיג די גרויסקייט פונעם ארט, וועלן מודה זיין אין אן אמת'ע מינוט אז פון דא שעפן טויזנטער אידן זייער חיות. נישטא קיין מענטש וואס קען נישט פונדערנאנט כאטש איין מעשה איבער א רוחניות'דיגע אדער גשמיות'דיגע איבערקערעניש וואס איז געשען דוקא אין דעם ארט.

ס'איז מסתמא נישטא אויף דער וועלט נאך אזא שטיין וואס האט שוין ארויסגעצויגן אזויפיל טרערן פון תשובה און אמת'ע חרטה, א תשובה וואס קומט פון אנערקענונג אין די אייגענע שפלות, טיפע פארשטענדעניש פון ווער ס'איז דער 'תועה כשה אובד' און ווער עס בעט מחילה, ווי עס געשעט טאג טעגליך דא נעבן דעם שטיין אויפן אקריינישן בארג און אירע ד' אמות. דער ארט וואס האט געברענגט טויזנטער נשמות צו זייער אייביגער תיקון; אזעלכע וועלכע לעבן מיט אונז, און אזעלכע וועלכע רוען שוין אין גן עדן געניסנדיג מזיו השכינה. דאס איז נישט קיין קונץ אדער סגולה, נאר די געוואלדיגע אומשאצבארע כח פון דער וואס ליגט דא און איז עוסק אין מתקן זיין די נשמות פון יעדן אנקומענדן.

ר' נתן האט שוין געהאלטן ביים ענדע פונעם תיקון הכללי, די התעוררות איז געשטיגן אלס מער,

איבערלאזנדיג צייכנס אויף זיין גאנצן קערפער, ווען ער שאקלט זיך און קלאפט מיט די הענט, נישט שפירנדיג בכלל וואס טוט זיך ארום אים. אזוי זעצט ער פאר "אשירה לה' בחיי..." - די תפילה פון מוהרנ"ת נאך תיקון הכללי. די טרערן פליסן פון זיינע אויגן אויסריינינגדיג זיין געזיכט, אויסלייטערנדיג זיין הארץ און נשמה, און נאס מאכנדיג זיין בארד, ווען צומאל שטיקט זיך זיין קול ווען ער ווערט אנגעפולט מיט כיסופים און רצונות פון סור מרע און עשה טוב. "קרבת אלוקים לי טוב" און גארנישט מער.

אזוי האט ער פארדעקט זיין געזיכט מיטן דינעם 'תיקון הכללי' קונטרס און פארגעזעצט צו בעטן פון די טיפסטע טיפענישן פון זיין הארץ, פילנדיג ווי ער שטארקט דעם קשר מיטן בורא כל העולמים...

מיט אלע כוחות צו פארגעסן און איגנארירן דאס וואס ער האט געזען...

מיט איבערמענטשליכע כוחות האט ר' נתן פראבירט מסיח דעת זיין און פארזעצן זיין תפילה מיט התעוררות, אבער דעם XXX האט ער נישט געקענט אוועקשטופן פון זיין געדאנק... ר' נתן האט פארגעזעצט זיין תפילה און דערנאך האט ער זיך דערנענטערט צום מציבה פונעם ציון אויסצוגיסן דארט זיין פארביטערט הארץ, ווי ער ווארט שוין אזוי לאנג אויף א ישועה ברוחניות ובגשמיות.

שטייענדיג אזוי נאנט צום מציבה, האט זיך זיין הארץ צובראכן אינעווייניג און ער האט אנגעהויבן טראכטן אינדרויסן פון קעסטל, נישט בלויז אויף זיך זעלבסט און זיין ישועה, נאר אויך אויפן פארשוועכטן כבוד פונעם הייליגן רבי'ן וואס געפינט זיך דא ווי ביים לעבן (!).

הדמעות ממשיכות בשצף קצף לשטוף את פניו ולטהר את ליבו נפשו ונשמתו תוך כדי שהם מרטיבים את שערות זקנו, כאשר מפעם לפעם קולו נשנק וכולו מתמלא בכיסופים ורצונות...

## דער דראמא

**דאן איז עס געשען.**

פאר א קורצע סעקונדע, האט ר' נתן אביסל דערווייטערט דעם 'תיקון הכללי' קונטרס פון זיין געזיכט, און פלוצלינג האט א רייצנדע קאלירפולע סקריין געטאנצט קעגן אים... אין יענע סעקונדע איז זיין בליק געפאלן אויף דאס ערגסטע פון אלעם...

דאס איז געווען א מינוט צוריק. דאן האט דער וואס איז געשטאנען צו זיין לינקע זייט, יא, ממש דא אין די ד' אמות נאנט צום הייליגן ציון, ממש דא האט יענער באשלאסן ארויפצוברענגען דעם XXX... אויפן סקרין פון זיין סמארטפאון – אפשר אז אויך דער XXX זאל זען וואס ס'טוט זיך ביים ציון, די התעוררות און ריקודים אדער סתם צו קענען רעדן פנים אל פנים...(!).

אבער דער ערליכער דערהויבענער יונגערמאן, זייענדיג פול מיט כיסופים, תפילות, און רצונות, האט זיך פונקט דאן אנגעקלאפט דערין, הציץ ונפגע רח"ל... א קרבן עולה תמימה דורכן סקריין...

א ציטער האט אים אנגעכאפט. ער האט גלייך צוריק צוגעדעקט זיין געזיכט מיטן תיקון הכללי העפט, און האט פארגעזעצט זיין תפילה פראבירנדיג

## איבערבראך

**דא האט ער געלאזט די ווערטער פליסן פון זיין מויל גראד צום רבי'ן:**

"רבי, רבי, רבי מיר ווילן זיך מטהר זיין בזכות דיר...", דו ווייסט דאך פארוואס מען קומט דא פון די גאנצע וועלט – און נישט נאר צום קיבוץ אום ראש השנה וואו מיר זענען אנגעזאגט געווארן 'איש בל יעדר ואל יחסר' און דערויף איז אויך פארהאן ספעציעלע הבטחות, נאר אין יעדע געלעגנהייט קומט מען צו דיר פון די גאנצע וועלט, וויל דא טרעפן מיר עפעס וואס איז נישטא אין די גאנצע וועלט: א וואשמאשין פארן הארץ, נפש און נשמה, א מאשין וואס רייניגט אויס גרונטליך מיט קדושה, טהרה, התעוררות צו אמת'ע תשובה, און וואס נישט... אלעס שפרודלט פון דעם קוואל, פון דא גייט מען ארויס ווי א נייער מענטש... אבער רבי, ווי אזוי קען זיין, אז דוקא דא, דער געוואלדיגער הייליגער ארט, זאלן זיך מאכן אזעלכע שרעקליכע ערשיינונגען, ווי אזוי?? אויסער די הייליגקייט פון

דעם ארט, וועמענס קדושה מיר קענען אפילו נישט באגרייפן, קומען מיר דאך אויך זיך צו אויסלייטערן און דערהייבן, ווי אזוי קען זיין אז דוקא דא זאל מען נכשל ווערן אין אזעלכע זאכן.

**ווי אזוי קען זיין אז אין וואס דער צדיק האט עוסק געווען, זאלן זיינע תלמידים נכשל ווערן???**

אפילו די אייגפאכסטע אדווערטייזמענטס ווערן דורכגיין אן ערנסטע פילטער איידערן אנקומען אהיים, ווען די קאמפאניס ווייסן גוט אז כדי זייער מאטעריאל זאל אריינקומען ביי אונז אין הויז, דארפן זיי זיין ריין! אלע קאמפאני׳ס, אפילו אזעלכע וועלכע האלטן זיך ׳לינקע׳, אנטיסעמיטן, אזעלכע וועלכע זינקען אין די טיפסטע שמוציגסטע ערטער פון די ערגסטע סארט, וועלן זיך היטן אז די מאטעריאל וועלכע זענען געאייגנט פארן ארטאדאקסישן ציבור זאלן זיין אינגאנצן ריין, ווייל אויב עס וועט זיך טרעפן אין אונזערע פאסט-קעסטלעך אפילו א פינטל פון עפעס וואס איז פארקערט פון טהרה, וועט מען עס גלייך פארברענען און די מקילים וועלן זיך באגנוגענען מיטן עס אריינווארפן אין מיסט אינדרויסן פון בנין. רבי, ווי אזוי קען זיין אז דוקא דא, אין אזא הייליגע ארט, זאלן אריינקומען אזעלכע שרעקליכע XXX – עזות דסט״א קעגן די הייליגע אויגן, ׳הגם לכבוש את המלכה עימי בבית׳??? פארוואס דוקא דא? ווי אזוי קען זיין? ווי אזוי???

אזוי האט ר׳ נתן, דער איידעלער יונגערמאן, זיך אויסגערעדט צום רבי׳ן, אויסגיסנדיג זיין שווער הארץ איבערן צדיק׳ס פארשוועכטן כבוד...

# ווענדפונקט

נאר יעצט איז אים איינגעפאלן אז אפשר, אפשר דערויף קען מען טייטשן דעם שטיקל ״כִּי אִם־הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר״ (אסתר, ד׳ י״ד), און חלילה דער פארזעצונג פונעם פסוק ״וְאַתְּ וּבֵית־אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ, וּמִי יוֹדֵעַ אִם־לְעֵת כָּזֹאת הִגַּעַתְּ לַמַּלְכוּת״ (שם), אפשר דערויף ווערט געזאגט אז מיר מוזן עפעס טון צו ראטעווען דעם קדושת המקום. טאקע, אויב מיר וועלן יעצט שווייגן אין די צייט וואס דער צדיק׳ס היכל ווערט אזוי געפערליך פארשוועכט, וועט עס אפשר א צווייטער טון, אבער קען חלילה זיין אז מ׳זאל דערווייל אנקומען צו בחינת ״אני ובית אבי...״ חס־ושלום, און אפשר שפעטער וועט אונז דער רבי
















פרעגן: 'פארוואס האסטו נישט ארויפגעצויגן די ארבל און אנגעפאנגען טון עפעס וועגן די קדושה פון מיין היכל?' און אפשר איז דאס אויך דאס וואס דער רבי האט געמיינט: "איך אן אייך קען אויך נישט" (אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ גַּם־כֵּן אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל (חיי מוהר"ן ש"ל), קען זיין אז רביה"ק האט דא געוואלט מיר זאלן טון עפעס צו היטן אויף זיין כבוד און די קדושה פון זיין ציון...

דער שמועס האט זיך פארלענגערט ביז ווען די פרימארגן שטראלן האבן שוין אנגעפאנגען ווייזן צייכנס פון מזרח, דאן איז ר' נתן געווען געצווינגען זיך צו געזעגענען פונעם ציון מיט א שווער הארץ און זיך גרייטן צום שחרית דאווענען, נישט איידער ער בעט אז דער באשעפער זאל אים עפענען די אויגן אין די סוגיא אז ער זאל טאקע וויסן וואס צו טון.

נאכן דאווענען און א לוסטיגן טאנץ אז "אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו", איז ר' נתן ארויס צו זיין אכסניא פאר פרישטיג און א קורצע אפרוה, פארט האלט ער נאך א פולע נאכט מיט תורה און תפילה. אבער די געפערליכע מראה וואס ער האט בייגעוואוינט בשעת'ן עת רצון, האט זיך נישט אפגעטן פון זיין געדאנק און טראץ זיין שטארקע מידקייט זענען די בילדער ווידער און ווידער צוריקגעקומען ביים עסן מיטן גאנצן שטארקייט...

יעצט האט זיך ר' נתן מער קאנצענטרירט

חלחלה אחזה בו, ומיד כיסה את פניו שוב בחוברת ה'תיקון הכללי', והמשיך את התפילה כשהוא מנסה בכל כוחו להשכיח מזיכרונו ולהתעלם ממה שראה זה הרגע..

אריינצוטראכטן אין דעם שמועס וואס ער האט געהאט מיטן רבי'ן און פארזעצן מיט די אפעראציע. עס איז אים געווען קלאר אז אזא כלי וואס קאנצענטרירט אין זיך די ערגסטע טומאה, איז נישט פאסיג פאר אזא הייליגן ארט, אבער פון צווייטן זייט דארף מען פארשטיין אז עס זענען פאראאן מענטשן וועלכע קומען פון אנדערן עק וועלט מיט אלעס וואס דאס באדייט, און זיי פארשטייען נישט וואס מען וויל פון זיי בכלל, פארוואס שרייט מען בכלל. פון איין זייט רופט זיי דא איינער זיי צו מתקן זיין – דאס איז דאך דער הייליגער רבי, און יעדע פאדערונג אדער באמערקונג, קען זיי טשעפען און אפילו מרחק זיין, איז אפשר שוין בעסער צו צוזען און שווייגן, וויינען פון אינעווייניג... וכאשר אבדתי אבדתי. אבער דאך, ווי אזוי קען מען צוקוקן דעם פארשוועכונג און שטיין פון זייט? מיר זענען דאך אנגעזאגט געווארן פון באשעפער "וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא־יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ" (דברים כג, טו).

און נאך עפעס. ס'ווערט געברענגט אז רביז"ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט מיט א שארפן לשון; דאס איז געווען ווען א בעל עבירה איז געקומען צו אים, האט דער רבי געזאגט: "זַיינֶע עֲוונוֹת דֶערוַוארְגְן





מִיר". (שיש"ק ח"ג אות ע"ב).(!) ס'איז קיין צווייפל אז די דאזיגע כלים וועלכע זענען מכשיל ממשביי זיין הייליג ארט, זענען זייער מצער דעם רבי'ן און עס טוט אים גאר וויי.

ס'איז זיכער אז דער רבי האט א גרויסע כח און אז ער זעלבסט וועט פארלענדן די שטעכעדיגע דערנער אין זיין גארטן. ווי באוואוסט האט דער רבי געזאגט פאר אנ"ש ווען זיי זענען געווען אין סכנה, אז זיי האבן זיך נישט געדארפט פארלאזן אויף א נס צוליב זיין צדקות (מובא ב'כוכבי אור' שיחות וסיפורים ד' י"ד, והובא בשיש"ק א' ש"כ), דאס איז געווען ווען רבינו הקדוש איז ארויס צו א רייזע פון מעזיבוזש קיין ברסלב, און מען האט געדארפט אריבערגיין נעבן דעם שטעטל נעמירוב. דאן זענען עטליכע מתנגדים ארויסגעקומען מיט שטעקנס אין די הענט וועלנדיג אים שלאגן רח"ל, און ווען אנ"ש האבן געהערט דערפון זענען זיי אויפגעשווידערט געווארן און האבן באשלאסן ארויסצוגיין ראטעווען דעם רבי'ן. אין הארץ האבן זיי געקווענקלט אויב עס פעלט בכלל אויס עפעס צו טון, ווייל צוליב זיין גרויס קדושה וועט אים זיכער גארנישט געשען. ווען עס איז געקומען דער זמן פון מנחה, האבן זיך די חסידים געשטארקט מיט אמונה אינעם רבי'ן און זענען צוריקגעגאנגען דאווענען מנחה. דער רבי האט זיך טאקע נישט געניטיגט אין זייער רעטונג, אבער שפעטער האט דער רבי געזאגט פאר די אנ"ש אז זיי האבן זיך נישט געדארפט פארלאזן אויף א נס אין זיין זכות, נאר האבן געדארפט בלייבן דארט גרייט אים צו ראטעווען...

אונטערשטע שורה: די פראגע איז ווייטער געבליבן אומפארענטפערט.

# דער קליק

נאך א קורצע אפרוהע, איז ר' נתן ווידער אראפ צום ציון. ער איז דאך דא בלויז עטליכע טעג און יעדע סעקונדע איז ווערד גאלד. ער האט זיך דערנענטערט צום הייליגן משכן אריינשפאנענדיג דורכן שוועל צום צדיק'ס ציון, ווען ער באמערקט פון הינטן צוויי יונגע פארשוינען וועלכע גייען אויך אריין צום ציון. ער האט געקוקט אויף זיי און געזען אז ספאנטאניש, נישט באמערקנדיג בכלל, דעקן זיי צו זייער הוילן קאפ מיטן קאפל וואס איז ביז יעצט געהאנגען אויף זייער סווועדער ביים רוקן. ער האט ארויפגעקוקט און האט נישט געזען אז ס'רעגנט אדער ס'רינט עפעס פון דאך פון ציון, איז פארוואס האבן זיי אנגעטון דעם היטל? וואס איז שלעכט אין אן אויפגעדעקטן קאפ אדער די טשוף וואס האט זיי ביז יעצט באקרוינט? יעצט האט ער עס אויפגעכאפט...

אויך אזעלכע פארשוינען ווייסן גוט אז זיי קומען יעצט אריין אין א הייליג ארט, אויך זיי פארשטייען אז אין אזא פלאץ פאדערט זיך אן אנדער פירונג, אויך זיי ווייסן אז זייער פירונג דא קען נישט זיין דאס זעלבע ווי אין גאס, זיי פארשטייען גוט אז עס איז דא אומאן, ס'איז דא א קאווע הויז, און להבדיל איז אויך דא דער הייליגער ציון, זיי פילן זיך זייער באקוועם אנצוטון דעם היטל און צודעקן זייער אויפגעדעקטן קאפ און ס'טשעפעט זיי בכלל נישט. דאס איז נישט עפעס וואס איז זיי מרחק, אויך זיי פארשטייען אז דאס פאדערט זיך פון זיי מינימאל, זיי פארשטייען אז זיי דארפן מכבד זיין דעם ארט און ס'איז זייער נאטורליך, ווייל א הייליג ארט איז מען מכבד! פינקט. דער כבוד פונעם ארט איז גיין

מיט א צוגעדעקטן קאפ.

יעצט איז דער פאזל ערגעגנצט געווארן. די מאטעריאל האט זיך אים אנגעזאמלט צו א גאנצע געביידע, אנגעהויבן פונעם מראה אויף יענעם סמארטפאון, דער שמועס מיטן רבי'ן, די הרהורים ביי פרישטיג, און אויך די עפיזאד וואס ער האט יעצט בייגעוואוינט... מען דארף פשוט צאמשטעלן דעם פאזל.

# די מסקנא

**יעדער איז מודה:**

א. יעדער איז מודה אז דער סמארטפאון – דער הויכפונקט פון טומאה, איז א שטארקע קעגנזאץ צו קדושה, און אוודאי צו אזא הויכפונקט פון קדושה.

ב. יעדער איז מודה אז אין א פלאץ וואו מען קומט זיך ריינִיגן, פאדערט זיך זעלבסטפארשטענדליך נישט צו מכשיל זיין מענטשן מיט פארשידענע בילדער, וואס האבן אויך נישט קיין פלאץ ביי אונז אינדערהיים.

ג. יעדער איז מודה אז דאס איז די מינימאלסטע זאך וואס פאדערט זיך צו טון פארן רבי'נס כבוד וועגן.

ד. יעדער איז מודה אז יעצט דארף אונז דער הייליגער רבי כביכול, אז מיר זאלן טון פאר אים.

ה. יעדער איז מודה אז גלייך ווען דער מעסעדש וועט איפגעכאפט ווערן, וועט עס זיין זעלבסטפארשטענליך פאר יעדן.

די מענטשן וועלן פארשטיין די טיפע סתירה צווישן דעם טריפה'נעם כלי להבדיל צום הייליגן ציון, עס וועט ווערן אזוי פשוט און זעלבסטפארשטענדליך, יעדער וועט עס אליין פארשטיין. ס'איז דאך אזא געוואלדיגע קעגנזאץ, ווי אזוי האט מען עס נישט פארשטאנען ביז היינט? אדרבה, עס וועט ווערן איינגעפירט פון זיך אליינס און נאר דער אנפאנג איז שווער (און נישט גאר). איך פון מיין זייט דארף עס נאר ערקלערן.

יעדער וואס נעמט ארויס אזא כלי פון טאש וועט מען דארפן צוגיין צו אים און ערקלערן מיט שיינע רייד איבער די געפערליכע פגיעה וואס די כלי ברענגט פארן צדיק, פארן קודש הקדשים, פאר דעם צדיק'ס מענטשן, און פאר זיך אליין, ווען ער שטייט דא זיך מטהר זיין און גלייכצייטיג האלט ער דעם שרץ אין האנט.

ערקלערן און נאכאמאל ערקלערן, נאך איינעם און נאך איינעם, ביז ווען עס וועט אריינגיין אינעם באוואוסטזיין, און נאך ווי! ווייל אזוי פירט מען זיך נישט אין רבי'נס היכל, אזא זאך טוט מען נישט צום רבי'ן! מען פאטאגראפירט נישט דעם רבי'ן מיט עפעס וואס פארשעמט אים דאס מערסטע, מיט א כלי וואס סימבאליזירט דאס פארקערטע פון וואס דער רבי טוט און געבט זיך איינגאנצן אוועק פאר אונז, פון דא אינעם פלאץ וואו ער האט אויסגעוועלט צו ליגן – אין דעם הייליגן דערהויבענעם ארט.



ווען מיר וועלן פארשטיין געבן די טיפקייט פון די פגיעה וואס דער רבי האט דערפון, ווען מיר וועלן גוט פארשטיין אז די כלי טשעפעט פיזיש דעם צדיק'ס מענטשן, ווען מיר וועלן זיין גרייט צו אינוועסטירן דערין, וועט דער מעסעדש איפגעכאפט ווערן. אסאך וועלן פארשטיין, זיי וועלן זען די ערנסטקייט און שטארקע פגיעה, און אנדערע וועלן זיך שוין נישט פילן באקוועם צו טשעפען אזוי דעם צדיק, און מיט די צייט וועט עס ווערן זעלבסטפארשטענדליך, יעדער וועט פארשטיין אז מיר געפינען זיך אין קודש הקדשים ממש, אן קיין שום הסתרות.

אויב מיר וועלן ווייטער פארזעצן מיט ערנסטקייט, וועלן מיר אנקומען צו א מצב אז עס וועט מקוים ווערן דער פסוק: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, ויראו", מיר וועלן אנקומען צו א מצב אז אין די גאנצע וועלט וועט 'אומאן' זיין דער סימבאל פון קדושה וטהרה, אין די גאנצע וועלט וועלן 'ברסלב'ער חסידים' זיין דער סימבאל פון 'דרך ארץ', אין יעדן ארט וועט מען אנווייזן אויפן אבן שתיה פון וואו די וועלט ווערט אנגעטרונקען אלס קלארע ראיה אז ס'איז מעגליך צו מכבד זיין ריכטיג א הייליג ארט.









# ענדע:



אויך די ווייטערע און דרויסנדיגע, ווי צייטונגס שרייבער, וועלכע וועלן וועלן אויספארשטן 'אומאן', וועלן שטיין מיט אן אפן מויל קעגן די לויטערקייט און ריינקייט, און דאס איז נישט צוליב באקוועמליכקייט אדער יראה, נאר צוליב די הבנה אין קדושת המקום, דער באגריף וואס איז אריינגעדרינגען אין אלע שיכטן פונעם ציבור, אלע שילדערונגען, ערקלערונגען, די געוועגליכע שטייגער, וועלן צופיצלט ווערן קעגן דעם דערהויבענעם העכערן אטמאספער... צדיקים יראו וישמחו, וישרים יעלוזו, וחסידים ברינה יגילו. און פון צווייטן זייט, עולתה תקפץ פיה און אלע וועלן קוקן מיט קנאה און נישט גלייבן זייערע אייגענע אויגן. ומלאך רע בעל כורחו יענה, קדוש קדוש קדוש!

אביסל ארבעט אין אנפאנג, אביסל מי, אביסל ערקלערן, און די רעזולטאטן וועלן אונז אלעמען איבערראשן. בעז"ה וועלן מיר זוכה זיין צו אנטייל נעמען אין די טואונגען פארן רבי'נס כבוד וועגן, נאך וואס דער רבי געבט און געבט אונז אזויפיל.

איגרות ומכתבים
לבירור עניני קדושת
ומורא ציון רביה"ק



# בירורי מלכות

~ שאלה א' ~

## צי איז מותר צו רעדן אינעווייניג אין הייליגן היכל, און פאנדרעיזן צו פארשפרייטן דעם רבי'נס ספרים?

**לִכְבוֹד אָחִי וִידִידִי הָרַבָּנִי הַוָּתִיק אָח לְדֵעָה הַקָּרוֹב לְלִבִּי נַפְשִׁי וְנִשְׁמָתִי הַמִּסְתּוֹפֵף בְּצֵל אוֹר הָאוֹרוֹת צַדִּיק יְסוֹד הָעוֹלָם הָאַדְמוֹ"ר זי"ע, מְקוֹר חַיּוּתֵנוּ הַנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה הוּא נֶחָמָתֵנוּ וְתִקְווֹתֵינוּ.**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה!

ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס איך וויל דיר טרעפן און שמועסן מיט דיר א 'שיחת חברים' ווי אמאל, ארויפברענגען מיינע פראגעס און מברר זיין מיינע ספיקות, אבער וואס קען מען טון אז די קערפערס זענען ווייט און צוליב פארשידענע אורזאכן איז מיר נישט אויסגעקומען דיר צו טרעפן פנים אל פנים און רעדן ווי איך וואלט געוואלט. איך האב ממש געפילט "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", און מ'קען אסאך רעדן דערויף, אבער איך טרייסט זיך אז אונזערע הערצער זענען זייער נאנט, און אז דו געדענקסט מיר און דאוונסט אויף מיר יעדן טאג. אויך איך בין מתפלל יעדן טאג פאר דיר, טייערער חבר, סיי אויף רוחניות און אויך אויף גשמיות.

און דאס וואס איך בין יעצט געקומען איז ווייל איך וויל דיר זייער שטארק טרעפן און זיך באראטן וועגן א וויכטיגע זאך וואס באדערט מיר שוין א לאנגע צייט. דו ווייסט דאך אז אין די לעצטע יארן האט מיר דער באשעפער מזכה געווען צו עוסק זיין אין פארשפרייטן דעם רבי'נס ספרים פאר יעדן מבקש און באווייכערן די ספרים מיט שיינע דעקלעך א.א.וו. דאס אלעס קאסט אפ אסאך ארבעט און געלט, און איך האב זיך אונטערגענומען עס צו פארשפרייטן פאר ביליגע פרייזן אז יעדער זאל קענען געניסן דערפון, און צו מזכה זיין די אנ"ש וועלכע פארשטייען די גרויסקייט פון דעם ענין, צו שפענדן פאר דעם צוועק די נויטיגע געלטער.

דעריבער קווענקל איך זיך שוין עטליכע יאר, איבערהויפט יעצט, ווען דעם פאריגן שבת שקלים האב איך זוכה געווען ארויפצוגיין קיין אומאן זיך צו מסתופף זיין בצל קדשו של רביז"ל, און דאנערשטיג האב איך געטראפן אינעווייניג אין היכל אונזער ידיד דער געוואלדיגער נגיד רבי אברהם

מנחם נ"י, וואס האט אויך זוכה געווען אנצוקומען צום רבי'נס ציון, און איך האב נישט געוואוסט אויב ער איז געקומען נאר אויף געציילטע שעות אדער אויף עטליכע טעג. כ'האב געוואלט צוגיין צו אים און רעדן צו זיין הארץ וועגן די גרויסקייט פון פארשפרייטן די ספרים, און איך האב געוואוסט אז ער וועט זיך זיכער אונטערנעמען א שיינע סומע פון די דרוק-אויסגאבן, האב איך זיך געקווענקלט אויב איך מעג גיין רעדן צו אים וועגן אזא חשוב'ער צוועק אינעווייניג אין הייליגן ציון, איבערהויפט אז ס'איז באקאנט אז מען קען אים נישט אזוי גרינג כאפן.
איך האב נישט געוואוסט אויב ס'איז רצון השם אז וויבאלד דער צוועק איז אזוי חשוב און וויכטיג און די פארצייטישע אנ"ש האבן זייער מקפיד געווען דערויף, ווי דער הילכיגער רוף פונעם גרויסן תלמיד ה"ה גְּאוֹן עֻזֵּנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ מהרנ"ת זי"ע, וואס האט באפוילן נאנט צו זיין הסתלקות אז 'עִקַּר עִסְקֵיכֶם יִהְיֶה לְהָפִיץ מְעַיְנוֹתָיו חוּצָה', און אויב אזוי איז ריכטיג אז איך זאל רעדן אין אזא הייליג ארט, אדער אויך צוליב אזא דערהויבענעם צוועק טארן מיר נישט מקיל זיין און רעדן אינעם הייליגן ציון.
און וויבאלד איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, האב איך זיך איינגעפירט דעם באוואוסטן כלל פון 'שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה עָדִיף', זיך פארלאזנדיג אז איך וועל אים שוין שפעטער טרעפן אין גאס וואו מען מעג רעדן. אבער דערנאך ווען איך בין ארויס אים זוכן, האב איך זיך דערוואוסט אז ער איז גלייך אוועקגעפארן צוליב זיין ביזנעס און איך האב אים פארפאסט. דאס האט מיר זייער ווי געטון אזש ביז טרערן, און איך בין ארויף צום ציון אויסגיסן מיין הארץ, אז איך טראג שוין א לאנגע צייט דעם עול פון גרויסע געלטער פונעם דרוקן די ספרים און איך האב עס נישט פון וואו צו באצאלן, און דער עיקר איז אז דער דרוקן האט זיך געגנצליך אפגעשטעלט און עטליכע גליונות וואס איך האב שוין געדרוקט, ליגן ביים דרוקער ביז ווען איך וועל טרעפן א פינאנציעלער קוואל פון וואו עס צו דעקן.
און יעצט בין איך געקומען ווייל עס דערנענטערט זיך ראש חודש ניסן, ווען טויזנטער קומען זיך צוזאם ביים רבי'נס ציון, צווישן זיי אויך נדיבים וועלכע קענען שפענדן פאר דעם הייליגן צוועק, און איך וועל אויך בעז"ה ארויפגיין צום ציון ווי מיין שטייגער, וויל איך פרעגן אויב איך מעג רעדן צו זייער הארץ אינעווייניג אין היכל וועגן אזא דערהויבענעם צוועק, אדער דא איז אויך אסור צו רעדן אין היכל פון ציון.
דאכט זיך מיר אז אין די פריערדיגע דורות איז שוין געווען אזאנס ביי די אנ"ש, און זיי האבן געברענגט זייער מיינונג דערויף אין כתבים אדער אין תורות וואס זענען אונז איבערגעגעבן געווארן אויף אויסנווייניג, אבער איך האב עס נישט געטראפן.
אָנָּא אָחִי וְרַב חֲבִיבִי, כ'וועל זיך פרייען אויב דו וועסט מיר קענען קלאר מאכן מיינע קווענקלעניש ווי דיין שטייגער, צאמנעמען און אראפברענגען די מקורות פון אונזער מסורה אז איך זאל קומען צו א קלארער לעזונג וואס צו טון, און אויב איך מעג אין דעם פאל רעדן אין היכל אדער פארמאכן מיין מויל.
איך האף זייער אז איך וועל דיר טרעפן ווי אמשנעלסטן און מיר וועלן צוזאמען שמועסן מיט געבינדענע הערצער ווי אמאל. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ אז מיר פאררופן זיך אויפן נאמען פון א רבי וואס איז נאכנישט געווען און וועט מער נישט זיין. אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמָה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן אביסל פון אזא רבי און תלמיד וואס באלייכטן די גאנצע וועלט אין דעם פינסטערן גלות. מער פון דעם האב איך נישט קיין צייט צו פארברייטערן, און דער באשעפער וועט שטארקן אונזערע הערצער, און דערפרייען אונזערע נפשות צו גיין אין די הייליגע וועגן באמת, און זיך רעכענען אין דעם כלל פון וְקוֹיֵ ה' יַחֲלִיפוּ כֹחַ וְכוּ'.

**דיין טרייי בלייבנדער פריינט,**
**וואס האפט דיר צו זען און געניסן פון דיינע אוצרות פאר א פאסיגע עצה.**

ביסט א ברסלב'ער חסיד?
די פראגע איז געווענדן צו דיר!

די וועלכע ענטפערן ריכטיג וועלן באלוינט ווערן > לויף און שרייב זיך איין!
פרטים אינעם אויסגאבע אדער אינעם ליין 'האוויר הנח והזך' אין נומער: 972.733.638.627

# געזעגנט

# צו ר' שמואל

**ויזעק שמואל אל ה' // שביעי של פסח וועט אויספאלן די יארצייט פונעם גרויסן חסיד ר' שמואל שפירא ז"ל, וואס איז אוועקגענומען געווארן פון אונז כ"א ניסן תשמ"ט. // צום 35'סטן יארצייט אנטפלעקן זיינע קינדער שליט"א אין א ספעציעלע אינטערוויו פאר 'ריינע און לויטערע לופט' צו די יארצייט כ"א ניסן תשמ"ט - תשפ"ד // שפאנענד**

**דורך:** אהרן אייזנבאך | **בארבעט:** נחמן צבי





# געגרעים

**זיין געבורט און עלטערן - זיין התקרבות צו ברסלב** | פורים ביי ר' שמואל - זייענדיג נאך אינעם אטמאספער פונעם פארגאנגענעם פורים האבן מיר געבעטן צו הערן איבער ר' שמואל'ס עבודה אום פורים | **יעצט גרייטן מיר זיך אריינצוגיין אין די פסח טעג און מיר האבן געוואלט הערן איבער זיינע הנהגות אין די פסח טעג און ביים סדר נאכט** | מיר האבן געוואלט וויסן וועלכע קביעות'דיגע שיעורים האט ער געהאט אינעם רבי'נס ספרים? | **דער עיקר התחזקות באקומט מען פון ליקוטי הלכות דעריבער דארף מען לערנען ליקוטי הלכות יעדן טאג חק ולא יעבור, און אפילו זאגן ליקוטי הלכות אזוי ווי תהלים איז אויך זייער גוט און טוט אסאך אויף** | למען אשר יצווה את בניו - ווי אזוי האט אייער טאטע עוסק געווען אין חינוך הבנים? | **הכנה דרבה - וואס געדענקט איר פון זיינע רייזעס קיין אומאן?** | אשכבתיה דרבי - ווי באקאנט, איז ר' שמואל נסתלק געווארן אינמיטן שביעי של פסח, און מיר האבן געוואלט הערן עטליכע זאכן פון יענע מינוטן | קדושת הציון - וואס געדענקט איר פון קדושת הציון אין די פארגאנגענע יארן? | **מה נשתנה ולמה נגרע - פארוואס האלט איר אז היינט האט זיך אלעס אינגאנצן געטוישט?** | מיר האבן געפרעגט זייער מיינונג, ווי אזוי קען מען עס פאררעכטן און ממשיך זיין די הייליגקייט פונעם ארט ווי אמאל?

## ר' שמואל'ס איידעמער



ר' יהודה לייב פראנק



ר' אשר אנשיל פוקס



ר' משה לעפקאוויטש

**צווישן די אנשי שלומינו האט מען שטענדיג געוואוסט אז כדי צו זען די עבודה פון די 'עובדים' – די עובדי ה' פון די אנ"ש, דארף מען ווארטן אויף פורים. ווייל אויב א גאנץ יאר האבן זיי באהאלטן זייער עבודה מיט אלע כוחות, איז אום פורים פארשוואונדן געווארן די מחיצות און מען האט דערקענט דעם ארגינעלן געשטאלט מיט זייער פולע עבודה.**

דער ספעציעלער פון די עובדים איז געווען דער חסיד ר' שמואל שפירא, וואס א גאנץ יאר האט ער באוויזן זיך צו באהאלטן אין אן איינפאק פון פשטות אז קיינער זאל אים נישט זען, אבער ווען עס איז אנגעקומען דער פורים האט יעדער געוואוסט אז יעצט איז די צייט זיך צו וואונדערן אויף אים, שטיין ארום אים און זאמלען דיימאנטן. אין דעם הייליגן טאג איז 'נכנס יין יצא סוד', און מען האט געהערט פון אים אמת'ע ווערטער וועלכע זענען ארויסגעקומען פון טיפעניש פון זיין הארץ, איבער דעם כח און קדושה פונעם צדיק און דיבורי חיזוק זיך צו שטארקן איבער אלע נסיונות וועלכע שטערן און דערווייטערן דעם איד פון באשעפער. צום ביישפיל ווען ער האט געהערט פון איינעם וואס פארקויפט אומאויסגעהאלטענע צייטונגען אין זיין געשעפט האט ער אים גארנישט געזאגט, טראץ וואס עס האט אים זייער אויפגעשאקלט. ביז פורים. דאן האט ער זיך געוואנדן צו אים אין זיין שכרות און געשריגן פון טיפן הארצן בעטנדיג אים אוועקצונעמען די שלעכטע טמא'נע צייטונגען פון זיין געשעפט. ווען דער געשעפטסמאן האט געזען ווי ר' שמואל בעט זיך פון טיפן הארץ, האט עס אים טיף באאיינדרוקט און ער האט זיך אונטערגענומען עס ארויסצונעמען פון זיין געשעפט.

דעריבער, קומענדיג מחזק זיין צו היטן די קדושה פונעם הייליגן ציון, איז נישטא פאסיגער ווי צו נאכגיין דעם וואונדערליכן געשטאלט פונעם גרויסן עובד ר' שמואל, און זיך לערנען פון אים.

מיר האבן זיך געוואנדן צו ר' שמואל'ס חשוב'ע זין, צו הערן אביסל פון זייערע רייכע זכרונות. גייענדיג אין זייער טאטנ'ס וועגן מיט ענווה און צניעות ווי ברסלב'ער חסידים וועלכע אנטלויפן פון כבוד אדער פרסום, האבן זיי אינאנפאנג נישט צוגעשטימט צום אינטערוויו, אבער נאך פילע באמיאונגען און נאך וואס מיר האבן זיי דערציילט די ציל פונעם אינטערוויו און דאס וויכטיגקייט פונעם ענין – קדושת ציון רבינו, האבן זיי צוגעשטימט ארויסצוגעבן אביסל פון זייערע אוצרות און מיטטיילן זייערע זכרונות מיט די אנ"ש.



די פירערס פון די ארגאניזאציע 'די ריינע לויטערע לופט', זענען געזעסן מיט די זין פונעם גרויסן עובד דער איש האמת הרה"ח ר' שמואל שפירא; הרה"ח ר' שמעון שפירא שליט"א, ר' אהרן שפירא, ר' מנדל שפירא, ר' נחום דוב שפירא, ר' מרדכי שפירא, ר' אברהם שפירא און ר' יעקב לייב שפירא שליט"א. פאלגנד איז פאר אייך וואס מיר האבן ארויסבאקומען פון זייערע אוצרות.

# געבורט און התקרבות

## זיין געבורט און עלטערן - זיין התקרבות צו ברסלב

דער חסיד ר' שמואל ז"ל איז געבוירן געווארן אין אלטשטאט ט"ז אדר תרע"ג, צו זיין טאטן רבי שלמה יצחק זצ"ל, דער 'ספרא דדיינא' אין ירושלים'ער בי"ד, צו די חשוב'ע משפחת שפירא וועלכע האבן זיך געציילט צווישן די 'פרושים' און האבן געשטאמט פון הגה"ק רבי לייבל'ע קאוונער זי"ע, און צו זיין מאמע די צדיקת מרת שרה חוה ע"ה, די טאכטער פון ר' שמואל מיכל הומינער זצ"ל דער גרינדער פונעם 'מאה שערים' געגנט און פון 'בית היתומים דיסקין', פון די מקורבים ביים מהרי"ל



ר׳ שמואל שפירא ור׳ משה בורשטיין בכותל המערבי



פורים בשוהל נראה ר׳ שמואל שפירא



ר׳ הירש לייב ליפל

דיסקין זיע״א.

רבי שמואל זצ״ל איז אויפגעוואקסן געווארן אין תלמוד תורה 'עץ חיים', און זייענדיג א געוואלדיגער מתמיד איז ער געשטיגן העכער און העכער אין תורה און אין יגיעה.

זייענדיג צוואנציג יאר, איז זיין טאטע ר׳ שלמה יצחק זצ״ל נפטר געווארן. אין יענע תקופה האט זיך ר׳ שמואל באקענט מיטן רבי'נס אור און האט זיך דערנענטערט צו ברסלב דורך הרה״ח ר׳ ישראל נחמן אנשין ז״ל, א זון פון ר׳ שמואל מאיר אנשין ז״ל, און זינט דאן איז ער געווארן שטארק צוגעבינדן צו די חבורה פון ברסלב'ער חסידים אין ירושלים, וואו ער האט געטראפן דאס וואס ער האט געזוכט צו קענען אנפולן זיין דארשטיגע נשמה.

אין צוגאב צו זיין געוואלדיגע פלייסיגקייט אין לערנען, האט ער אנגעהויבן אויך איינוועסטירן לאנגע שעות אין דאווענען און אין פרישות פון אלע תענוגי עוה״ז.

אין חודש אלול פון יענעם יאר איז ר׳ שמואל צום ערשטן מאל אין לעבן געפארן צום ציון פונעם הייליגן תנא רשב״י אין מירון, וואו ער האט פארוויילט רוב פונעם חודש מיט עבודת ה׳ איינגעווארענענדיג זיך דארט צום מידת 'הניעור בלילה' מיטן אויפשטיין חצות און פראווען התבודדות אין די וועלדער ארום רשב״י'ס ציון.

# פורים ביי ר׳ שמואל

**זייענדיג אינעם אטמאספער פונעם פאראנגעגאנגענעם פורים האבן מיר געבעטן צו הערן איבער ר׳ שמואל'ס עבודה אום פורים:**

כדי צו דערציילן ר׳ שמואל'ס עבודה אום פורים – ווענמענס קדושה איז ווי באקאנט העכער ווי יום כיפור – וועלן מיר קענען אנפולן גאנצע ביכער און נישט ענדיגן. אבער מיר האבן זיי געבעטן מיטצוטיילן עטליכע קליינע פונקטן פון ר׳ שמואל'ס גרויסע עבודה, אז מיר זאלן אויך קענען פראבירן שפאנען אין זיינע הייליגע וועגן.

**ר׳ אהרן:** דערמאנט זיך אז פורים איז





ר׳ שמואל מיכל הומינר סבו של ר׳ שמואל שפירא
לוח זיכרון על קיר ביתו במאה שערים



חותמו





ר' יעקב זילבר מתפלפל בלימוד
עם אברכים מתו"א בשול מא"ש

געווען דער איינציגסטער טאג פון יאר וואו זיין טאטע, וואס האט א גאנץ יאר געשוויגן מיט עקשנות, האט געעפנט זיין מויל און ס'האט גענומען פליסן חכמה און וואונדערליכע דיבורים, דאן האט מען זיך באקענט מיט זיין עכטע פנימיות.

וואוינענדיג אין קאטאמאן פלעגט ר' שמואל אריינגיין צום קליינעם צימערל פון ר' נחמן שותק, גלייך נאך מגילה ליינען און מקיים זיין די מצוות היום. נאך זייענדיג אנגעטון מיטן טלית, פלעגט ער נעמען אן אנגעפולטן גלאז וויין און האט שוין אנגעהויבן די מצוה פון טרינקען. נאכן טרינקען פלעגט ער זיך צוריקקערן צום שול זיך צו צאמנעמען מיט דעם צדיק'ס מענטשן, ווען זיין גאנצע וועזן זאגט עדות אז 'היינט איז פורים'. אין שול פלעגן קומען אויך אזעלכע וואס זענען נישט געווען ברסלב'ער חסידים, זיי פלעגן קומען צוקוקן די עבודה פון די חסידים ווי אזוי זיי זענען זיך מדבק צום באשעפער, און ר' שמואל האט דאן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו רעדן מיט זיי פון די קדושה פונעם צדיק.

ווי ס'איז באקאנט, איז ר' שמואל אלעמאל געווען פול מיט כיסופים און געגועים ארויפצוגיין צום רבי'נס ציון, אבער פורים זענען די געגועים איבערגערונען אירע ברעגעס ווען ער האט געטראפן אין שול די חסידים וועלכע האבן שוין זוכה געווען ארויפצוגיין צום הייליגן ציון אין אומאן, ווי ר' הירש לייב ליפל, ר' יצחק מאיר קורמאן און אין פריערדיגע יארן הגה"ח ר' אברהם שטערנהארץ. ר' שמואל האט באלויבט וועלכע גרויסע זכות זיי האבן, אז זיי האבן שוין זוכה געווען ארויפצוגיין צום הייליגן ציון אין אומאן, און ער האט זיך געבעטן ביי זיי מיט אומגעהויערע טרערן און געוויינט אז זיי זאלן אים וואונטשן אז ער זאל אויך קענען ארויפגיין און זיך באווייזן פארן רבי'ן אויף זיין ציון מיטן זאגן די צען קאפיטלעך וואס ער האט אנטפלעקט – תיקון הכללי.

אביסל שפעטער פלעגט ער אפשטעלן א טעקסי – שרייענדיג פון שכרות: 'ווער וויל פארן צום צדיק? מיר פארן צום צדיק...' – און ער איז געפארן קיין מאה שערים, צו זיין צוזאמען מיט די אנ"ש אין שול אין מא"ש און הערן פערל ווערטער פון ר' לוי יצחק. דארט האט ער ווידער געשריגן צום באשעפער מיט א פלאקערדיג הארץ און ווידער געוויינט אויף זיינע בענקענישן צום הייליגן ציון אין אומאן.

**ר' שמעון:** דערציילט איבער זייער לעצטע פורים אין קאטאמאן געגנט – איידער זיי זענען אריבער וואוינען אין מאה שערים. ר' שמואל האט דאן געזאגט נאך מנחה פון שכרות, שרייענדיג מיט התרגשות: 'טראץ וואס מיר גייען ארויס וואוינען אין צענטער פון שטאט און מיר דערווייטערן זיך פון די בני החבורה אין קאטאמאן, טאר מיר נאך אלץ גארנישט מוותר זיין פון עבודת ה'", און ער האט אנגעהויבן אויסרעכענען זיינע חברים עובדי ה' וועלכע האבן געוואוינט אין מאה שערים, אז אויך זיי זענען עוסק אין די גרויסע עבודה פון חצות און התבודדות, און ער האפט און איז מתפלל אז ער און זיינע קינדער זאלן ווייטער דינען דעם באשעפער אפילו ווען זיי וועלן זיך אריבערציען צו זייער נייע וואוינונג.

ס'איז דאך באוואוסט אז פורים, וויבאלד ער האט זיך אנגעטרונקען, פלעגט ער דאן עפענען דאס מויל און רעדן וואונדערליכע דיבורים אין תורה און אין עבודת ה', און אזוי האט זיך אנטפלעקט אביסל פון זיינע גרויסע מדרגות.

**ר' מרדכי:** ער באצייכנט אז וויבאלד מען האט שוין

**בימי הפסח הוא**
**אכן החמיר על**
**עצמו מאוד מאוד,**
**אבל עלינו – ילדיו,**
**הוא לא החמיר כלל,**
**הוא עמד על כל**
**ס"ק של הלכה, כן!**



ר' יונה לבל



ר' נחמן שותק בזיקנתו,
נוטל ידיים ליד הכותל המערבי



ר' אברהם שטהרנהרץ

**תה הוא לא שתה גם בכל השנה, היה לו תה מיוחד, "די זילבערנע תה", התה הכסוף, כלומר מים חמים... אותם הוא כינה "די זילבערנע תה"...**

אסאך געשריבן איבער די פורים טעג ביי זיין טאטן, און זיינע דיבורים קען מען הערן אין די באוואוסטע רעקארדירונגען, האט ער נישט צופיל צו צולייגן.

אבער איין זאך האט זיך טיף איינגעקריצט אין זיינע ביינער. איין יאר האט זיך זיין פאטער שטארק פארקאכט אין דאס וואס ווערט געברענגט ביים ענדע פון די מעשה פון די זיבן בעטלערס אינעם הייליגן ספר 'סיפורי מעשיות', מיט די געוואלדיגע רמזים וואס ווערט געברענגט נאך די מעשה, ברענגט דארט דער רבי א רמז אויפן פסוק 'מן ינצרהו' וז"ל: "...חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרוּהוּ זֶהוּ אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת וְכוּ' כִּי כָּל הַזְּמַן וְהַיָּמִים נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הָאִישׁ גָּדוֹל, שֶׁהוּא. אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת וְכוּ'..." ר' שמואל איז באגייסטערט געווארן פון די הייליגקייט פונעם אידישן שפראך, זעענדיג ווי דער רבי האט געטראפן א רמז אין א פסוק פון תהלים – טייטשנדיג אז דער "מן ינצרוהו" אינעם פסוק איז מרמז אויף א "מאן".

**ר' מענדל:** ס'איז באקאנט אז פורים האט מען געזען ר' שמואל'ס געוואלדיגע געגועים צום הייליגן ציון, ווי דעם באקאנטן עפיזאד ווי ער האט געבעטן פון ר' אברהם שטערנהארץ ער זאל אים צוזאגן אז ער וועט זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן, אדער ווי ער האט פראבירט האנדלען מיט ר' שמואל הארוויץ אז ער זאל אים פארקויפן די פשוט'סטע 'תיקון הכללי' וואס ער האט זוכה געווען צו זאגן אין אומאן פאר זיין גאנצע עוה"ב. פורים האט יעדער געזען אז זיין גאנצע ווילן און לעכצעניש איז צו זוכה זיין זיך צו משתטח זיין אויפן ציון און זיין מקושר צום צדיק.

**ר' יעקב לייב:** דערמאנט זיך מיט בענקעניש אינעם פורים יאר תשכ"ח, וויניגער ווי א יאר נאך וואס מען האט שוין ווידער געקענט אנקומען צום כותל, און ער

שילדערט אונז ווי זיין טאטע האט געשריגן: "ר' עמרם בלויא איז א גרויסער צדיק, אבער ווי אזוי קען מען נישט גיין צום כותל המערבי?!"

אין איינע פון די יארן האט א בחור געפרעגט זיין טאטן: 'אין וואס זאל מען זיך מחזק זיין?' האט ר' שמואל געענטפערט: 'זיך מחזק זיין אין תפילה און מאכן דערפון אן 'עסק'.

זיינע לעכצעניש צום רבי'נס ציון אין אומאן איז געווען באוואוסט. ער האט אזוי געהאפט און געגלוסט דערצו, אז ווען א בחור האט געבעטן א ברכה פון אים, האט אים ר' שמואל געווינטשן: 'זאלסט בקרוב טרעפן דיין זיווג און זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן ציון אין אומאן'.

אבער נישט נאר אינעם 'עבודת השתיה' אום פורים האט ער געלייגט זיינע כוחות, ס'איז דאך באקאנט אז עס האט אים געברענט יעדע דקדוק הלכה אין יעדע סעיף פון די פיר טיילן פון שו"ע. ר' נחמן בורשטיין האט זיך אמאל אויסגעדריקט אז יעדע הנהגה פון ר' שמואל איז אויסגערעכנט לויט אלע חלקים פון שו"ע און לויט דעת רבינו ז"ל. צום ביישפיל, אין זיינע לעצטע יארן איז אים אנגעקומען שווער דאס זען, האט ער געבעטן מען זאל אים שרייבן א גרויסע מגילה אז ער זאל קענען ליינען פון א כשר'ע מגילה.

כ'געדענק אז אין איינע פון די יארן, ווען ער האט שוין געליטן פון א געפערליכע קרענק און מען האט אים פארבאטן זיך צו אנטרונקען, בין איך ארויף אום פורים צו ר' לוי יצחק צו הערן פון אים דיבורים. ר' לוי יצחק האט מיר געפרעגט: "פארוואס ביסטו נישט נעבן דיין טאטן?" האב איך אים געענטפערט אז מיין טאטע זאגט 'ליקוטי תפילות' און איך וויל דאך הערן דיבורים... האט מיר ר' לוי יצחק געזאגט: "דיין טאטנ'ס ליקוטי תפילות איז חשוב'ער ווי מיינע דיבורים..."

**ר' נחום דוב:** איבער זיין בקיאות אין הלכה האב איך געהערט פון ר' יעקב זילבער – א באוואוסטער גרויסער ת"ח וואס האט גוט געקענט אונזער טאטן און האט געשמועסט מיט אים יעדע נאכט, האט ער מיר געזאגט אז מיין טאטע איז געווען גוט בקי אין יעדע קליינע סעיף אין 'שערי ציון'.





המברק הנפלא בכת"י של ר' שמואל ששלח לבנו בישיבת ברסלב ב"ב
(קרדיט: ארגון אשרינו)

> מאז שהוא התקרב לברסלב מגודל תשוקתו וחשקו לעלות ולהתעלות, הוא החמיר ע"ע חומרות רבות, ולאחר שהתוודע להוראתו של רביז"ל הוא הפסיק לנהוג בחלקם, ומאידך ישנם שהוא המשיך לנהוג בהם...

# די פסח טעג

**יעצט גרייטן מיר זיך אריינצוגיין אין די פסח טעג, און מיר האבן געוואלט הערן איבער די הנהגות וואס אייער טאטע האט געהאט אין די פסח טעג אוןביים סדר נאכט:**

איבערן עסן געבראקס אום פסח, ווערט געברענגט אין שיח שרפי קודש (החדש ח"ג סימן ת"ע) אז דער רבי האט געזאגט אז ווער עס האט נישט מחמיר געווען אין געבראקס דארף יעצט נישט אנהייבן מחמיר זיין, און ווער עס האט זיך שוין אונטערגענומען צו מחמיר זיין זאל נישט אויפהערן, און ר' לוי יצחק בענדער האט דערציילט אז ביי די אנ"ש פון די פריערדיגע דורות האט מען געזען אז זיי האבן מחמיר געווען נישט צו עסן געבראקס, אבער נישט מיט איבריגע חומרות (עיין 'טעם זקנים' אידיש פ"ח). צי איז אייער פאטער נזהר געווען געווען אין געבראקס אום פסח?

פלעגט ער צוגרייטן וואסער פון ערב פסח אויף א גאנץ יו"ט (עיין בדברי המ"ב סי' תס"ז ס"ק ס"ז)? און ווי אזוי האט אויסגעזען ביי אים א 'סדר נאכט'?

**ר' אהרן:** אין די פסח טעג האט ער טאקע זייער שטארק מחמיר געווען פאר זיך, אבער פאר אונז – זיינע קינדער, האט ער בכלל נישט מחמיר געווען, ער איז טאקע געשטאנען אויף יעדע קליין סעיף אין הלכה, אבער האט נישט מחמיר געווען פאר אונז. ער זעלבסט האט ממש גארנישט געגעסן, און אוודאי האט ער מחמיר געווען אויף געבראקס. ער האט געהאט א באזונדערע טאפ און טעלערס פאר זיך, נישט נוצנדיג זיך אין די פסח טעג כמעט מיט גארנישט, אויך נישט קיין מילכיגס; ער האט נישט געטרונקען מילך אדער קאווע.

(טיי האט ער אויך נישט געטרונקען א גאנץ יאר. ער האט געהאט א באזונדערע טיי וואס ער האט גערופן: 'די זילבערנע טיי' דאס האט געמיינטווארעמע וואסער...).

א פאס וואסער האט ער נישט צוגעגרייט ערב יו"ט.

אגב, א גאנץ יאר האט ער אויך מחמיר געווען פאר זיך אויף זמן ר"ת, אבער האט עס נישט געפאדערט פון די הויזגעזינד.



התמונה הנדירה של ר' שמואל בכותל המערבי שהתגלה לאחרונה

**ר' נחום דוב:** ער האט טאקע זייער מחמיר געווען פאר זיך אין די פסח טעג מיט אסאך חומרות, איינע פון זיי איז אז ער האט זיך בכלל נישט באנוצט מיט צוקער אום פסח.

צום באצייכענען, אז טראץ וואס דער טאטע איז געקומען פון א ליטווישע שטוב – אבער זינט ער האט זיך דערנענטערט צו ברסלב צוליב זיין תשוקה צו שטייגן און ווערן נענטער צום באשעפער, האט ער מחמיר געווען פאר זיך אסאך חומרות, און נאך וואס ער האט געטראפן דעם רבי'נס אנזאג נישט צו מחמיר זיין מיט איבריגע חומרות (עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה מ"ד, שיחות הר"ן שיחה רל"ה) האט ער אפגעלאזט א טייל פון זיי, און פון צווייטן זייט האט ער יא פארגעזעצט זיך צו פירן מיט עטליכע חומרות.


סדר
הַגָּדָה
של פסח
„אוֹר זוֹרֵחַ"
מיוסדת ומפורשת ע"פ ספרי רבינו הק' אדמו"ר הרה"צ מוהר"ר נחמן זצוקלל"ה מברסלב ז"ל וספרי תלמידו הק' מוהרנ"ת ז"ל ושאר תלמידיו הקדושים.
נדפס בדפוס „חורב" בעיה"ק ירושלים תובב"א
שנת תשי"ז לפ"ק

ההגדה של ר' שמואל

אבער ווי דערמאנט, פאר אונז האט ער געצנליך נישט מחמיר געווען. צום ביישפיל, יונגערהייט האט ער געגעסן 'מאשין מצות' ווי מען האט זיך געפירט ביי זיינע עלטערן און ביי די 'פרושים', און ווען ער האט זיך דערנענטערט צום רבי'ן האט ער אנגעפאנגען מחמיר זיין פאר זיך צו עסן נאר 'האנט מצות', אבער פאר אונז קינדער האט ער אויך געגעבן 'מאשין מצה'.

וועגן בדיקת חמץ, פלעגט ער זאגן אז דער טשערינער רב האט זייער מחמיר געווען גוט צו בודק חמץ זיין, ווייל ווען מען זוכט אין אלע ווינקלען די חמץ איז מען מבער דעם יצה"ר, ווי עס ווערט געברענגט פונעם אריז"ל. אזוי האט ער זיך געפירט לאנגע יארן צו איבערקוקן און גוט זוכן, אויך דעם טרעפן צימער האט ער בודק געווען, און אויב ער האט געטראפן א ברעקעלע חמץ האט ער עס געוויזן פאר יעדן.

**די ברידער:** די הגדה פלעגט ער זאגן מיט גרויס התעוררות און מיט א הויכע שטימע ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן תורה כ') אז מען דארף זאגן די הגדה מיט א הויכע שטימע און דאס איז א תיקון פאר פגם הברית עי"ש. יעדע שטיקל האט ער ערקלערט און פארברייטערט פאר די הויזגעזינד.

וועגן דעם באוואוסטן וויכוח לגבי זמן חצות און עסן דעם אפיקומן: ער האט מקפיד געווען מיר זאלן עסן פאר דעם חצות וואס איז איינגעפירט (ביי די אנ"ש צו זאגן תיקון חצות) און נישט לויטן מג"א.

# קביעות אין רבי'נס ספרים

**מיר האבן געוואלט וויסן, וועלכע קביעות'דיגע שיעורים האט אייער פאטער געהאט אינעם רבי'נס ספרים?**

**ר' אהרן:** ווי מ'האט שוין דערציילט, פלעגט מיין פאטער לערנען מיט יעדן פון די זין פאר די בר מצוה דעם גאנצן ספר 'ליקוטי מוהר"ן'.

ער האט זיך אויך באשטימט קביעות'דיגע שיעורים אינעם רבי'נס ספרים, און ער האט עס געלערנט טאג טעגליך, ווי צום ביישפיל אין 'ספר המידות'. ער פלעגט אויך אסאך מתפלל זיין מיטן ספר 'ליקוטי תפילות' און דער עיקר האט ער געהאט א קביעות'דיגע שיעור אינעם ספר 'ליקוטי הלכות'.

אויך ראש השנה אין די הויכע מינוטן פאר די תקיעות, ווען אסאך פלעגן זאגן די זוהר פון די תקיעות, פלעגט מיין טאטע לערנען ליקוה"ל.

נישט לאנג צוריק האט זיך ארומגעדרייט א בריוו וואס ער האט געשיקט פאר איינע פון מיינע ברידער, וואו ער רעדט אים איבער צו לערנען דעם ספר ליקוטי הלכות, ער האט אים צוגעלייגט אז דער עיקר התחזקות באקומט מען פון ליקוה"ל. ער האט אויך געשריבן עפעס אינטערעסאנט: אז עס איז אפילו גוט צו זאגן די ליקוה"ל ווי תהלים, ווי ער שרייבט דארט: "און דער עיקר התחזקות באקומט מען פון ליקוטי הלכות,



מירון בימים ההם - חצר ציון הרשב"י בתשי"ח

דעריבער דארף מען לערנען ליקוטי הלכות טאג טעגליך חק ולא יעבור, און אפילו זאגן ליקוט הלכות אזוי ווי תהלים איז זייער גוט און טוט אסאך אויף".

ס'רעדט זיך פון א בריוו וואס איז געשריבן געווארן מיט זיין האנטשריפט אין יאר תשל"ג – פאר 51 יאר צוריק. די ארגאניזאציע 'אשרינו' האט אנטדעקט דעם בריוו און האט עס פארשפרייט לרגל דעם פערטן מחזור אין ליקוטי הלכות ביים סדר פון 'דף היומי', דער בריוו איז געשיקט געווארן צו זיין זון וואס האט דאן געלערנט אין די ברסלב'ער ישיבה אין בני ברק, און דאס איז דער אינהאלט פונעם בריוו:

ב"ה ד' טבת תשל"ג ירושלים עיה"ק ת"ו.

חיים ושלום לכבוד בננו היקר ... נ"י חיים עד העולם.

איך האב באקומען דיין בריוו, און כ'דאנק דעם באשעפער אז דו ביסט געזונט און שטארק. מיר גרייטן זיך צום ברית וואס וועט פארקומען מארגן בעז"ה בשעטו"מ. די הויזן וועט מען דיר אונטערשיקן בעז"ה.

שטארק זיך און זיי זיך מחזק מיט אלעס וואס דו האסט געשריבן אין דיין בריוו, זיי זיך מתגבר אויף די מניעות וואס די האט געשריבן און זיי זאלן פארוואנדלט ווערן צו 'נעימות', ווי די אנ"ש זאגן אז 'מניעות' איז אותיות 'נעימות'.

**און דער עיקר התחזקות באקומט מען פון ליקוטי הלכות, דעריבער דארף מען לערנען ליקוטי הלכות טאג טעגליך חק ולא יעבור, און אפילו זאגן ליקוט הלכות אזוי ווי תהלים איז זייער גוט און טוט אסאך אויף".**

**דיין טאטע הדו"ש,**
**שמואל**



ר' שמואל שפירא במירון

ס'איז פארהאן נאך אן אינטערעסאנטער בריוו וואס איז אנטפלעקט

געווארן לעצטע יאר, א בריוו וואס איז געשריבן געווארן צו זיין פריינט החסיד ר' נחמן דוב ז"ל וואו ר' שמואל ערקלערט אים די שיחה פונעם רבי'ן 'אני נהר המטהר מכל הכתמים', וואו איז אט דער טייך.

און דאס איז דער אינהאלט פונעם בריוו:

ב"ה. ב' אחו"ק תשל"ד ירושלים עיה"ק ת"ו.

שלום וחיים מארץ החיים לכבוד ידידי האברך היקר ר' נחמן דוב שליט"א.

כ'האב באקומען דיין בריוו מיט די 20 דאלער, א גרויסן ישר כח און תזכה למצוות, וימלא השי"ת כל משאלות לבבך לטובה אמן כי"ר.

**וואס דו פרעגסט וועגן וואס דער רבי זצ"ל זאגט אז ער איז דער טייך וואס רייניגט אלע פלעקן, וואו דער טייך איז.**

**ס'איז פשוט אז דער טייך איז דעם רבי'נס ספרים, פארטיף זיך אין זיי, און אויף דעם ווערט געזאגט: 'אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו' דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין עס צו לערנען, לשמור ולעשות ולקיים אמן כי"ר.**

**הדו"ש בכבוד רב \ שמואל שפירא**

## געפענגעניש אין ירדן

**די בריידער:** מיין פאטער איז ווי באקאנט געווען שטארק מקושר צום הייליגן תנא רשב"י, וואו ער פלעגט ווילן גאנצע תקופות.

אין יאר תש"ח האט זיך אויפגעשטעלט די ציונ'יסטישע מדינה צום ווייטאג פון די ירושלימ'ער אידן. די שרעק איז געווען געפערליך ווען די פאגאזן זענען געפלויגן איבער די קעפ פון די אידן וואס האבן געוואוינט אין די אידישע קווארטלעך. ר' שמואל איז געפאנגען געווארן צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער אין אלטשטאט וואס איז געווען פארמאכט און פארשלאסן. צום סוף זענען די אראבער אריין אינעם אידישן פערטל און האבן געהייסן די אידן זיך צאמנעמען אין בתי מחסה, די מענער האבן זיי גענומען אין געפענגעניש קיין ירדן, און די הויזגעזינד - די ווייבער, קינדער און אלטע, האבן זיי פארטריבן פון אלטשטאט בעירום ובחוסר כל. צווישן די געפאנגענע איז אויך געווען דער טאטע, ר' שמואל. ניין חדשים האט דער טאטע געוויילט אין געפענגעניש צוזאמען מיט נאך אנ"ש, צווישן זיי ר' דוד שעכטער (דער טאטע פון הגרי"מ), ר' שמואל הארוויץ, ר' אברהם יעקב גאלדרייך, ר' משה בורשטיין און נאך אסאך אידן. ספרים האבן זיי נישט פארמאגט, בגשמיות האבן זיי געלעבט אין געפערליכע באדינגונגען, אבער ברוחניות האבן זיי געהאט א 'חיים טובים' מיט תפילות און התבודדות אן קיין גרעניץ.

דרך אגב, דער טאטע האט גענומען מיט זיך אונזער ברודער ר' יוסף קדיש וואס איז דאן געווען א צוויי יעריג קינד, אפשר ווייל ער האט געטראכט אז אזוי וועט מען אים נישט נעמען אין געפענגעניש. אבער די ירדנ'ער האבן אים יא גענומען. אינמיטן וועג, ווען דאס קינד יוסף קדיש איז קראנק געווארן אויפן מאגן, האבן די סאלדאטן אים געוואלט ארויסווארפן פון פענסטער רח"ל. האט זיך ר' דוד שעכטער געוואנדן צו זיי און זיי



עוסק בתפילות בכותל המערבי


ב"ה
רבי שמעון בן יוחאי
בגימטריא
רבי נחמן בן שמחה
ספר
שמות הצדיקים
ירושלם

השמות הצדיקים של ר' שמואל

געסטראשעט אז ער וועט זיי מסר'ן פארן "רויטן קרייץ". ס'האט זיי געכאפט א שרעק און זיי האבן געלאזט דעם קינד. נאך א צוויי וואכן האבן זיי אים צוריקגעשיקט צו די משפחה איבערלאזנדיג מיין טאטן אין געפענגעניש לאנגע ניין מאנאטן.

גלייך ווען מיין טאטע האט זיך צוריקגעקערט פונעם לאנגן געפענגעניש, נאך א קורצע באזוך אין הויז, האט ער גלייך געמאכט זיין וועג צום אויסגעבענקטן אתרא קדישא מירון, צו בארואיגן זיין שטורמישן גייסט נישט זייענדיג ביי רבי שמעון אזא לאנגע צייט.

אויף דארט, אין מירון, האט מען נאך געזען איבערבלייבענישן פון די מלחמה. קיין נפש חיה האט זיך נישט געזען אויפן האריזאנט, און דערצו האט מען נאך געזען אויף די ארומיגע פעלדער קערפערס פון די ארבישע סאלדאטן וועלכע זענען גע'הרג'עט געווארן ביים קריג. ר' שמואל האט זיך אליין פארשפארט ביים ציון פאר צוויי וואכן, אנפולנדיג זיך מיט תורה, עבודה און מסירות נפש, ווען דאס גאנצע עסן וואס ער האט פארמאגט ביי זיך איז געווען עטליכע פארשימלטע לאבנס ברויט וואס איז נאך געבליבן פון די מלחמה צייט.

אזוי אויך פלעגט ער אונז מעורר זיין צו האבן שיעורים אין 'שולחן ערוך' און אין 'משנה ברורה', און א סדר אין ספר 'קיצור שולחן ערוך', ווען ער ערקלערט אז אין 'משנה ברורה' קען מען נישט אנקומען גרינגערהייט אין א קורצע צייט צו אלע הלכות, און אין קיצור שולחן ערוך קען מען זיי ענדיגן אין א קורצע צייט.

מ'קען זיך אסאך לערנען פון מיין הייליגן טאטן. דער עיקר זיין תמימות און פשיטות, דאס גיין אין די וועגן פון די צדיקים און זיך פירן לויטן שולחן ערוך אין אלע ענינים, גיין אויפן ריכטיגן אידישן וועג, היטן ריכטיג די צייט און דאווענען מיט כוונה ווי ער פלעגט אונז שטענדיג אנזאגן.

**די ברייזער:** דא קען מען באצייכענען, אז ער האט אונז אנגעוויזן צו לערנען קיצור שולחן ערוך צוזאמען מיטן 'מסגרת השלחן' (דער פארפאסער פון 'מסגרת השלחן' איז ארויפגעקומען קיין ירושלים בסוף ימיו און די שטאטלייט האבן אים געקענט און שטארק געשעצט).

ווענן לערנען פלעגט ער אונז זאגן אז לערנען מסכת נדרים מיטן פירוש הר"ן איז א גרויסע סגולה צו צוברעכן דעם יצר הרע...

אזוי אויך האט ער מחנך געווען די טעכטער צו גיין צניעות'דיג און נישט נאכגיין די מאדעס רח"ל.

ווי באקאנט, זייענדיג אין געפענגעניש אין ירדן האבן זיך געמאכט פארשידענע הלכה'דיגע שאלות, און די גרויסע רבנים וועלכע זענען געווען מיט זיי האבן דן געווען דערויף און גע'פסק'נט. ספרים האבן זיי דאך נישט פארמאגט, דעריבער האט מען דן געווען יעדע שאלה מיט גרויס אנגעצויגנקייט אז מען זאל חלילה נישט נכשל ווערן. נישט איינמאל האבן די רבנים נשיט געוואוסט וואס צו ענטפערן צוליב דעם שווערן צושטאנד, און

# חינוך הבנים

## למען אשר יצווה את בניו - ווי אזוי האט אייער טאטע עוסק געווען אין חינוך הבנים?

**ר' שמעון:** דער טאטע האט אסאך אינוועסטירט אונז צו מחנך זיין צו "היטן אויף די צייט, און נישט פארברענגען די צייט אומזיסט", ער אליין האט געדינט פאר אונז אלס פערזענליכע ביישפיל, ווען מיר האבן אים געזען אויסנוצן יעדע סעקונדע.



(קרדיט: אוסף ברגר)

**מאז שהוא התקרב לברסלב מגודל תשוקתו וחשקו לעלות ולהתעלות, הוא החמיר ע"ע חומרות רבות, ולאחר שהוא התוודע להוראתו של רביז"ל הוא הפסיק לנהוג בחלקם, ומאידך ישנם שהוא המשיך לנהוג בהם...**

דאן אויפן פלאץ וואו מען האט פארגעסן די הלכה פלעגט אונזער פאטער ר' שמואל זיי זאגן אז אין 'קיצור שו"ע' שטייט אזוי און אזוי, און לויט זיינע רייד האבן די רבנים גע'פסק'נט פאר אנדערע.

**ר' נחום דוב:** ספעציעל איז מיין טאטע געווען באוואוסט מיט זיין געוואלדיגע קדושת עינים, אויך ביי שווערע רייזעס אין מדבריות און וועלדער פלעגט ער זיך היטן נישט אויפצוהייבן די אויגן.

מען דערציילט אז זיין חבר און ידיד ר' מרדכי אלעזר רובינשטיין איז אמאל געגאנגען מיט אים צו התבודדות ביי חצות הלילה אויף די בערג פון מירון. צווישן די בערג און פעלזן איז אונזער טאטע אויך געגאנגען מיט צוגעדעקטע אויגן אלס שמירת עינים...

האט ר' מרדכי אלעזר געפרעגט: "קיין נפש חיה איז דאך דא נישט פארהאן, פארוואס פארדעקסטו די אויגן?"

האט אים ר' שמואל געענטפערט מיט א שמייכל: "מרדכי אלעזר! מען קען קיינמאל נישט וויסן וואו ווארט אונז אפ דער יצר הרע..."

**הערת העורך:** ענליכס האב איך אויך געהערט פון אן עד ראיה אז איינמאל אינמיטן א רייזע, דורכפארנדיג בערג און וועלדער, האט ר' שמואל פארדעקט דעם פענסטער פונעם מאשין מיט א בגד כדי נישט נכשל צו ווערן חלילה אין א ראיה אסורה. ר' אליעזר ה. וואס איז מיטגעפארן מיט אים אין מאשין, האט אים פראבירט באאיינפלוסן אז ער זאל ארויסקוקן אינדרויסן און געניסן פון די פלאי הבריאה, ער האט גע'טענה'ט: "סאיז דאך דא א מקום שממה, אינגאנצן ריין".

האט ר' שמואל געענטפערט: "איך וועל קוקן... און אינמיטן קען ארייינפאלן א באמבע..." מיינענדיג דעם



ידי"נ ר' לוי יצחק בנדר. מאחוריו נראה ר' נחום יצחק פרנק



ר' שמואל בביקור חולים אצל יד"נ ר' הירש לייב ליפל בערוב ימיו



ר' שמואל עם ידי"נ ר' שמואל צציק בכותל המערבי



**זוכרים עדיין את ר' נחקן רוסישר ור' נפתלי דובינסקי ואחרים מזקני אנ"ש מהדור הקודם, את היראה ורעד העצומים שאחזו בהם כשהם נכנסו לתוך אוהל הציון הקדוש, זה היה מחזה מרטיט...**

יצר הרע וואס קען אים אונטערשיקן א מכשול אין סיי וועלכע פלאץ...

ר' אברהם: יעדע זאך וואס מיין פאטער האט געטון האט ער גענומען אין באטראכט אויב עס שטימט מיט די דברי רבינו הקדוש. צום ביישפיל, מיין טאטע האט קיינמאל נישט געשלאגן די קינדער, אויסער אויב ער האט חלילה געהערט פון זיי אומאויסגעהאלטענע רייד. דאן האט ער געמוזט אראפלאזן א פאטש, ווייל אויף דעם האט ער נישט מוותר געווען (!).

ווי אויבנדערמאנט, האט ער געלערנט מיט זיינע קינדער פאר די בר מצוה דעם גאנצן הייליגן ספר "ליקוטי מוהר"ן". יונגערהייט האבן מיר נישט פארמאגט די שכל אים צו נאכקוקן און נאכגיין זיינע הייליגע דרכים, און פארשטיין אז דא רעדט זיך פון א ספעציעלער עובד ה'. ווייל מיר זענען דאך געוואקסן מיט אים צוזאמען און אין אונזערע אויגן האט זיין עבודה אויסגעקוקט צו זיין זעלבסטפארשטענדליך...

אבער איך קען נישט פארגעסן ווי ער האט געזאגט דעם תיקון הכללי, ווי ער האט זיך באהאפטן צו די תפילות אין 'ליקוטי תפילות', מיט אזא מתיקות... דאס איז געווען אזוי זיס אין מיינע אויגן, אז צומאל האב איך זיך געמאכט ווי איך פיל זיך נישט גוט כדי צו בלייבן אינדערהיים און הערן די זיסקייט פון זיין 'תיקון הכללי' זאגן.

## נסיעות צום רעבין

### הכנה דרבה - וואס געדענקט איר פון זיינע נסיעות קיין אומאן?

ס'איז דא אסאך צו דערציילן איבער יענע ספעציעלע רייזעס און איבער זיינע אומענדליכע טאוונגען עס ארויסצוברענגען לפועל. מיר האבן געבעטן פון זיינע זין זיי זאלן אונז אביסל מיטטיילן פונקטן וועלכע זענען איינגעקריצט אין זייער זכרון פון יענע הייליגע רייזעס.

ווי באקאנט, האט ר' שמואל שפירא זוכה געווען צו פוקד זיין דעם רבי'נס ציון אין אומאן צוויי מאל אין זיין לעבן. דאס ערשטע מאל האט ער זוכה געווען צו פארן קיין אומאן דורך אמעריקע. דאס איז געווען

נאך 38 יאר פון תפילה און תחנונים וואו ער האט זיך איינגעבעטן יעדן טאג צו קענען זוכה זיין ארויפצוגיין פוקד זיין דעם רבי'נס ציון אום ראש השנה. ער האט טאקע זוכה געווען ארויפצוגיין צום ציון, אבער נישט אום ראש השנה. אין א געוויסע געלעגנהייט האט ר' שמואל דערציילט פאר איינע פון זיינע אייניקלעך די איבערלעבעניש פון יענע רייזע, באטאנענדיג: "דאס איז געווען א נסיעה נאך תפילות און בקשות פון אכט און דרייסיג יאר!"

**ר' נחום דוב:** גלייך ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, האט ר' שמואל ווידער אנגעהויבן דאווענען און בעטן ער זאל נאכאמאל זוכה זיין ארויפצוגיין צום הייליגן ציון, ווען צווישן די פילע תפילות וואו ער האט אויסגעגאסן זיין הארץ צום באשעפער, האט ער צוגעלייגט טאג טעגליך די תפילה פון מוהרנ"ת אין 'ליקוטי התפילות' – די באוואוסטע תפילה ע"ו, אזוי ווי ער האט מקפיד געווען צו זאגן יעדן טאג אויך איידער זיין ערשטע רייזע.

זיין צווייטע רייזע קיין אומאן איז געווען ממש אין זיינע לעצטע טעג, אומגעפער א האלבע יאר פאר זיין פטירה. זיין קערפער איז געווען שוואך און איינגעדארט נאך אזויפיל יארן ליידן פון זיין געפערליכע קרענק און שרעקליכע קאפ ווייטאג, ער האט געליטן ביטערע ווייטאגן ביי יעדע ריר, אבער דאך האט ער נישט אויפגעהערט גלוסטן און בעטן ער זאל ווידער זוכה זיין ארויצוגיין צום הייליגן ציון, ביז ער האט טאקע זוכה געווען ארויפצוגיין צום ציון אום ראש השנה תשמ"ט, צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע קינדער און אייניקלעך מיט נאך הונדערטער אנ"ש.



רבי שמואל שפירא בציון בפעם האחרונה בחייו

**ר' מענדל:** כ'האב זוכה געווען צו באגלייטן מיין טאטן אין יענע הייליגע נסיעה. (ווי באקאנט איז זיין זון ר' מענדל געווען זייער נאנט צו אים אין די לעצטע יארן, אים באדינענדיג מיט א געוואלדיגע געטריישאפט) די טלטולי הדרך האבן געלאזט שווערע צייכנס אויף אים, ביז אזוי ווייט אז ער האט ממש אויסגעקוקט ווי א טויטער וואס גייט (!) אבער ווען מען איז אנגעקומען צום ציון האט מען געזען אז זיין גאנצער קערפער האט זיך געענדערט צום גוטן. מען האט אויך געזען ווי עס זעט אויס א השתטחות אויפן ציון נאך א פאסיגע הכנה; מען האט געזען ווי טראץ זיין גרויסע שוואכקייט און שווערע קרענק האט ער אויסגענוצט יעדע סעקונדע ביים ציון. ער האט געדינט אלס לעבעדיגער ביישפיל ווי אזוי דארף אויסזען א רייזע צום הייליגן ציון נאך א פאסיגע הכנת הלב.

**ר' אהרן:** אין יענעם ראש השנה, צווישן דעם ערשטן און צווייטן נאכט, איז זיין פרייד אז ער האט זוכה געווען זיך צו משתתף זיין ביים הייליגן קיבוץ אין אומאן, אריבערגערונען אלע גרעניצן, ביז אזוי ווייט אז ווען די אנ"ש האבן זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל כמנהג ברסלב, האט זיך מיין טאטע פלוצלינג אויפגעשטעלט צו אלעמענ'ס גרויס ערשטיטערונג. ר' שמואל, דער שוואכער און קראנקער ביי וועמען יעדע ריר איז באגלייט מיט געוואלדיגע יסורים – האט זיך אויפגעשטעלט פון ראד שטול און זיך צוגעשטעלט צו די שטורמישע טענץ אינעם רונד צוזאמען מיט עטליכע אנ"ש צווישן זיי ר' משה בורשטיין, ר' מיכל דארפמאן און נאך, אזוי פאר לאנגע מינוטן. והיה הדבר לפלא!

**ר' יעקב לייב:** כ'האב נישט זוכה געווען זיך צו באטייליגן מיט מיין פאטער אין יענע נסיעה, אבער איך האב אים באגלייט צום לופטפעלד. כ'געדענק ווי מיין פאטער האט געבעטן פון זיינע באגלייטער אז אפילו אויב זיי וועלן אים מוזן שלעפן אויף די הענט דורכאויס די רייזע, זאלן זיי נישט אויפגעבן. דער עיקר אז ער זאל ווידער זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן ציון (!).

## אשכבתיה דרבי

### ווי באקאנט, איז ר' שמואל נסתלק געווארן אינמיטן שביעי של פסח, מיר האבן געוואלט הערן עטליכע זאכן פון יענע שעות.

מען דערציילט אז נאך וואס די מיטה איז ארויסגעגאנגען מיטן הייליגן קערפער פון רבי שמואל אין תכריכים, האט זיין פרוי מרת פריידא ע"ה געזאגט: "מיט תכריכים איז ער אהיים געקומען אין די נאכט פון די חתונה... ער האט מיר געזאגט: 'עס וועט נאך קומען א צייט און אונז ביידע וועט מען ארום נעמען מיט דעם, דעמאלט וועט זיך אנהייבן דער אמת'ער לעבן'..."

אפשר אלס פאסיגע וועג צו שילדערן דעם געוואלדיגן שפלות און ביטול פון רבי שמואל, וועלן מיר אראפברענגען עטליכע שורות פון זיין צוואה וואס רעדן וועגן זיין קבורה, און זענען ווי אין א בחינה פון 'מגלה טפח ומכסה טפחיים' פון זיין גרויסע ענווה:

**"נישט שרייבן אויף מיר קיין טיטלען, נישט 'רבי שמואל' נאר ר', מיט א קליין ליניע אויפן רי"ש... און אויב אירווילט שרייבן 'מחסידי ברסלב', דארפט איר רשות פון הגה"צ רבי לוי יצחק בענדער, איר זאלט מברר זיין ביי אים אויב איך האב זוכה געווען זיך צו ציילן צווישן די ברסלב'ער חסידים..."**

מוצאי יום טוב, ווען די מיטה איז ארויס פון זיין הויז, איז די מאמע מרת פריידא ע"ה, געשטאנען ביים שוועל און האט געשריגן מיט א צובראכן הארץ: "קודש הקדשים! קודש הקדשים! דו שמואל, דיין גרויסן טאג איז געקומען! דער טאג וואס די פיס ליגן צו די טיר... דו נעמסט מיט דיר דיין סוד אין קבר... קיינער וועט נישט וויסן דיין קדושה..."

**ר' אהרן:** פאר מיין ברודער ר' יוסף קדיש האט ער געזאגט אז נאך זיין פטירה זאל מען נישט אויסרופן אויף זיין פטירה ווי עס איז איינגעפירט, און אויף זיין מציבה זאל מען נישט שרייבן קיין שום שבחים.

איך געדענק אז ווען ער איז נפטר געווארן, האט אונזער מאמע געזאגט צום טאטן: "ר' שמואל, דיין



רבי מרדכי לוזער רובינשטיין



רבי מיכל דורפמן רבי מנדל שפירא רבי נחום דוב שפירא בכותל המערבי

# מיט פילן יענעם - שלא מעלמא הדין

אינטערעסאנט צו באצייכענען אז הגה"ח ר' נחום כהן שליט"א וועמען מען רופט 'באבא נחום', דערציילט וועגן יענע רייזע פון ר' שמואל קיין מירון, און אזוי דערציילט ער:

רבי שמואל איז געווען א איד וואס ס'איז אונז זייער שווער צו פארשטיין. ווען מיר זענען פארטריבן געווארן פון אלטשטאט האבן די ירדנ'ער גענומען די מענער אין געפענגעניש, און צווישן די געפאנגענע איז אויך געווען מיין פאטער הרה"ח רבי לייב כהן זצ"ל, און אויך רבי שמואל שפירא זצ"ל.

נאך א תקופה פון זיך ארומשלאגן אין לאנד, די אלוועלטליכע דרוק און נאכאנאנדיגע קריג, האט מען ענדליך געזען עפעס פארשריט, און די ירדנ'ער האבן אנגעפאנגען באפרייען די אידישע געפאנגענע, אבער נישט אלעמען אויפאמאל, נאר מען האט זיי באפרייט אין עטליכע גרופעס.

ווען ר' שמואל שפירא איז באפרייט געווארן פון געפענגעניש און זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל, האט ער זיך נישט געאיילט צו טרעפן זיין פאמיליע אין קאטאמאן געגנט. פארוואס? ווייל נישט ווייט פון זיי האט געוואוינט משפחת כהן, מיין פאמיליע. אזוי ווי אלע פארטריבענע פון אלטשטאט, האבן מיר זיך אויך דאן באזעצט אין קאטאמאן, פון וואו די אראבישע איינוואוינער זענען אנטלאפן און איבערגעלאזט זייערע הייזער.



ר' שמואל מיט זיין זון ר' יוסף קדיש אין געפענגעניש אין ירדן

ר' שמואל האט געזאגט: "אויב איך וועל זיך אומקערן אהיים, וועט מרת כהן (מיין מאמע ע"ה) זען אז איך האב זיך שוין צוריקגעקערט און איר מאן איז נאכנישטא פונעם ירדנ'ער געפענגעניש, וועט איר דאס זיכער זייער וויי טון, דעריבער איז בעסער איך זאל זיך נאכנישט אהיימקערן". אנשטאט דעם איז ער געפארן קיין מירון און געוויילט דארט א חודש צייט, ביז ווען ער האט געהערט אז אויך מיין פאטער איז באפרייט געווארן פון געפענגעניש, נאר דאן האט ער זיך אומגעקערט אהיים...



שחרור זקני הרובע היהודי



ר' דוד שכטער



ר' שמואל הורוויץ





# בני ר' שמואל באומן

גאנצע לעבן האסטו זיך געגרייט אויף דעם מאמענט".

## קדושת הציון

### קדושת הציון - וואס געדענקט איר פון די קדושת הציון אין די פאראנגאנגענע יארן?

**ר' אברהם:** איך געדענק מיין ערשטע רייזע קיין אומאן. דאס איז געווען ערב ראש חודש אלול תשמ"ז, ווען איך בין געפארן מיט עטליכע אנ"ש, צווישן זיי ר' שמעון בערגשטיין, ר' משה צוקער, ר' משה ראזנטאל ז"ל און נאך. מען קען נישט שילדערן די ספעציעלע אטמאספער וואס האט דאן געהערשט צווישן אונז, ווען אונזערע אלעמענ'ס הערצער האבן געשריגן איבערגענומען: 'אט זענען מיר אנגעקומען צום אויסגעבענקטן ארט!' מיר האבן נישט געוואוסט אויב מיר וועלן זוכה זיין נאך איינמאל אין אונזער לעבן אנצוקומען צום ציון, און מיר האבן אויסגענוצט יעדע מינוט פון אונזער ווייל דארט.

**ר' אהרן:** איך קען נישט פארגעסן די התרגשות וואס האט געהערשט ווען מיר האבן ענדליך ענדליך זוכה געווען אנצוקומען צום הייליגן ציון, נאך עטליכע רייזעס וואס זענען דורכגעפאלן און מיר האבן נישט זוכה געווען אנצוקומען. אין יענע טעג האט מען נישט געדארפט מעורר זיין קיינעם פון אונז וועגן די קדושה פונעם ארט, ווייל א גאנץ לעבן האבן מיר דאך אזוי געווארט און געגארט, געבעטן און געגלוסט, ביז מיר האבן ענדליך זוכה געווען אנצוקומען דערצו – ס'איז דאך זעלבסטפארשטענדליך וויפיל מיר האבן געהיטן אויף די הייליגקייט פונעם פלאץ וואס איז געווען אונזער אויסגעבענקטער ארט.

## למה נגרע?

### מה נשתנה ולמה נגרע - וואס איז אייער מיינונג, פארוואס איז היינט אזוי אנדערש געווארן די קדושה פונעם ארט?

**ר' אברהם:** וויבאלד מיר האבן ב"ה זוכה געווען אז די מחיצות און מניעות זענען געפאלן, און מען קען שוין פארן און אנקומען זייער גרינג – קעגן די פריערדיגע תקופות – און אין יעדע צייט וואס מען וויל. ווען איינער פון די אנ"ש גלוסט, קויפט ער א טיקעט און לאזט זיך ארויס אויפן וועג אנקומענדיג בס"ד צום הייליגן ארט, דעריבער איז מען ליידער געווארן צוגעוואוינט, אזוי אז מען שעצט שוין נישט גענוג די געוואלדיגע זכות אין וואס מיר זענען זוכה ביים ארויפקומען צום הייליגן ציון, אזוי קען זיך צומאל מאכן אז מען זאל גרינגשעצן דעם דערהויבענעם ארט.

**ר' אהרן, ר' מענדל, ר' שמעון און ר' מרדכי:** יעדער אין זיין וועג דריקט זיך אויס אז וויבאלד די רייזעס צום ציון הק' איז פארוואנדלט געווארן אלס אן איינפאכע זאך, פארגעסט מען צומאל ווי אזוי מען האט זיך






אויפגעפירט אין די פארגאנגענע יארן, ווי אזוי האבן זיך די חסידים און אנשי מעשה - אפילו פונעם פריערדיגן דור -אויפגעפירט ביים ציון, און ווי אזוי זיי האבן פשוט געציטערט צוליב די קדושת המקום.

מיר געדענקען נאך ר' נחמן רוסישער, ר' נפתלי דובינסקי און נאך אנדערע פון די זקני אנ"ש פונעם פריערדיגן דור. די געוואלדיגע יראה און ציטער וואס האט זיי אנגעכאפט אריינגייענדיג אינעווייניג אין אוהל פון הייליגן ציון, דאס איז געווען א רירנדע מחזה... אבער היינט ווען די וועגן זענען שוין אפן און ווער עס וויל קען גרינגערהייט אנקומען, ברענגט עס צו א געוויסע קלות ראש רח"ל.

# העטרה ליושנה

**להחזיר העטרה ליושנה - מיר האבן זיי געפרעגט ווי אזוי קען מען עס מתקן זיין און ווידער פארזעצן צו היטן די קדושה פונעם ארט אין אונזער הארץ?**

ר' שמעון: מען דארף רעדן איבער די קדושה פונעם ציון און זיך היטן פון רעדן דברים בטלים, און איבערהויפט פון פארבאטענע כלים!

ר' יעקב לייב: מען דארף אסאך מתפלל זיין דערויף. ס'איז באוואוסט דער ווארט וואס צדיקים האבן


ר' יצחק מאיר קורמאן


ר' לוי יצחק בנדר

געזאגט אויפן פסוק "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי כן בקודש חזיתיך" – מיר זענען מתפלל אז אויך ווען מיר וועלן זיין אינעם 'קודש' זאלן מיר קענען מקבל זיין די 'צמאון' וואס מיר האבן פארדעם געהאט.

אודאי אז ווער עס איז זוכה צו טון אין דעם ענין און מעורר זיין די עולים, ערקלערן, שרייבן און דרוקן מאמרים וועגן דעם ענין פון די קדושה פונעם ציון, האט זיכער א גרויסע זכות.

די אנ"ש האפן און ווארטן אז די מלחמה אין אקריינא זאל זיך שוין ענדיגן, אבער איך מיין אז די הפקרות וואס האט זיך דארט אנגעהויבן אין די לעצטע יארן איז אסאך ערגער ווי די שווערע מלחמה. ס'איז כדאי צו אכט לייגן ווי אזוי דער ציון האט אויסגעזען אין די יארן, ווייניגער מענטשן קומען טאקע, אבער ברוחניות איז יעצט דער מצב אסאך בעסער. מען דארף מתפלל זיין אז עס זאל זיין גרינגער אנצוקומען צום ציון הק', אבער פון צווייטן זייט דארף מען אויך בעטן אז דער ארט זאל ווערן אפגעהיטן מיט די ריכטיגע קדושה. מען דארף בעטן אויףביידע זאכן. מיר מוזן אויך מתפלל זיין אז די אויפפירונג ביים ציון זאל זיין כשר אן קיין הפקרות, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין זיך צו מקשר זיין מיטן רבי'ן מיט אן אמת.

**ר' אברהם:** מען דארף דערויף גיסן אסאך תפילות, און רעדן דערפון. איבערהויפט פון די מכה פון די סמארטפאונס. דאס איז דאך דאס ערגסטע. אויך אויב מיר וועלן זאגן אז די וועלכע האבן טמא'נע כלים דארפן עס לצורך פרנסה און דער רב האט עס מתיר געווען – אויב ס'קען זיין אזא זאך... צי האבן זיי גענומען אין באטראכט די השפעה וואס עס לאזט איבער ארום זיי, ווען אנדערע מענטשן זעען זיי מיט אזא מאשינדל אין די הענט? מיט מיינע אייגענע אויגן האב איך געזען ווי אזוי עס איז משפיע אויף די ארומיגע. מען דארף מעורר זיין דערויף איינמאל און נאכאמאל.

ב"ה מען זעט שוין די פרוכט פון די הארעוואניע אין די פריערדיגע יארן, ווי אין זכות פון די וועלכע האבן מעורר געווען און ערוועקט די חשיבות פונעם ענין זענען פאראן נישט ווייניג מענטשן וועלכע האבן שוין אוועקגעווארפן זייערע טריפה'נע כלים, און אין דעם זכות ווערט די לופט ריינער און לויטערער. מען דארף ווייטער מעורר זיין און מחזק זיין.

און בעז"ה, וועלן די אלע וועלכע ארבעטן דערין געבענטשט ווערן מיט כל מילי דמיטב, אשרי להם.

**אום שביעי של פסח תשמ"ט, איז די הייליגע נשמה פון ר' שמואל ארויפגעצאנגען לגנזי מרומים און ער איז באערדיגט געווארן אין הר הזיתים ביים חלקה פון די ברסלב'ער חסידים.**

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים וזכותו תגן עלינו.**



בני המשפחה של ר' שמואל בעלייה לקברו ביארצייט


בסייעתא דשמיא
#08
בהיכל הגוונים המשתנים
רואים כולם את היופי והתפארת של נשמות ישראל מכל הגוונים
כל אחד רוצה להיכלל בריבוי הבתים הנפלא הזה
לא ניתן לסמארטפון להסתיר את האווירה!
בראש השנה למלכים לומדים להתנהג
בגינוני מלכות
בארמונו של רבינו הקדוש


בסייעתא דשמיא
#09
ביום גינוסיא דמלכא
רבינו מחלק מתנות לכל הבאים אליו
בְּיוֹם הֻלֶּדֶת הַמֶּלֶךְ, בְּיוֹם גְּנוּסְיָא דְּמַלְכָּא, אָז נִתְגַּלֶּה הַיִּרְאָה יוֹתֵר וְיוֹתֵר.
אַחַר־כָּךְ מְגַלֶּה הַמֶּלֶךְ רְצוֹנוֹ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, וּמְחַלֵּק וְנוֹתֵן מַתָּנוֹת לְכָל אֶחָד וְאֶחָד.
(לִיקו"מ י"ז)
זה הזמן לקבל על עצמינו מחדש
להתנהג בציונו הקדוש בגינוני מלכות!
בראש השנה למלכים לומדים להתנהג
בגינוני מלכות
בארמונו של רבינו הקדוש


בסייעתא דשמיא
#10
רצונינו לכבד מלכנו
כשנכבד את הארמון של רבינו נזכה ליותר ישועות והשפעות
חפשו את המגזין ›››
בראש השנה למלכים:
לומדים להתנהג כבני מלכים!
בראש השנה למלכים לומדים להתנהג
בגינוני מלכות
בארמונו של רבינו הקדוש


#07
רבינו מושיט לך
את שרביט הישועות
אל תמרה את ההזדמנות על המסך
בארמון הקדושה כל רגע שווה זהב
חבל שהמפגש "ילך לטימיון!
בראש השנה למלכים לומדים:
גינוני מלכות

# ביום גינוסיא דמלכא




גינוני
מלכות







גינוני
מלכות















# לומדים להתנהג בגינוני מלכות

## נעמט דאס געלט אין ק-ס-ש!

# דער גרויסער גורל

די ארגאניזאציע 'האוויר הנח והזך' האט געפרעגט אן אינטערעסאנטע שאלה, מיט יעדע ענטפער פון די מקורות קען מען באקומען א ראפל פון גרויסע סומעס. **פאר אלע ברסלב'ער חסידים פון גרויס ביז קליין, יונגעלייט, בחורים און אויך קינדער, וועלכע וועלן ענטפערן אן אינטערעסאנטע תשובה פון די מקורות, וועלן אריינגיין אין גורלות אויף שיינע געלט סומעס אין קעש.**

## ווי אזוי ארבעט עס?

**מען לייענט:** מען לייענט די פראגע וואס ערשיינט אינעם בריוו - אין אויסגאבע 'די ריינע לויטערע לופט' - אין זייט 14-15

**מען איז מברר:** מען בעט ביים באשעפער ער זאל אונז באלייכטן די אויגן צו וויסן און מקיים זיין, דערנאך גייט מען ארויס מברר זיין איבעראל און זוכן אן ענטפער פון די מקורות אין הלכה, אגדה, און דער עיקר אין ספרים פונעם רבי'ן און זיינע תלמידים.

**מען ענטפערט:**

כדי צו קענען אריינגיין אין די הגרלה דארפסטו רופן צום ליין 'די ריינע לויטערע לופט' אין נומער 972.733.638.627 מען גייט אריין אין נומער 5 און מען ענטפערט ריכטיג - מען דארף ענטפערן מיט א קלארע שטימע און דארט אויפן פלאץ איבערלאזן א נאמען און טעלעפאן נומער.

**מען געווינט:**

אויף יעדע תשובה פון די מקורות גייט מען אריין אין א גורל אויף 400 ש"ח אין קעש, די וואס ענטפערן די ריכטיגע תשובה אן זיך צו העלפן מיט די מקורות וועלן אריינגיין אין א גורל אויף 600 ש"ח אין קעש.

*די הגרלה ווערט געמאכט לויט די פירערס פון די ארגאניזאציע און יעדע ספק וועט באשטימט ווערן בלויז לויט זיי.

**מ'קען ענטפערן און אריינגיין אין הגרלה ביז כ"א ניסן תשפ"ד.**

**מ'וועט בעז"ה מאכן דעם גורל כ"ג ניסן תשפ"ד**

**און מ'וועט עס קענען הערן אין ליין 'האוויר הנח והזך'.**

**חִדְלוּ עוֹד מִלִּהְיוֹת עֲנִיִּים! שׁוּבוּ אֶל הָאוֹצָרוֹת שֶׁלָּכֶם!!!**